STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05087

GESHIKHTE FUN TSIENIZM

Yizhak Gruenbaum

*Permanent preservation of this book was made possible
by Eugene L. Balter
in memory of
his parents, Harry Balter & Helen Farkas Balter*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק גרינבוים

געשיכטע פון ציוניזם

לעקציעס וועגן דער ציוניסטישער
בעוועגונג און איהר ענטוויקלונג.

(הערצל'ס תקופה)

צווייטער טייל

פערלאג א. גיטלין, ווארשא. 1934

PRINTED IN POLAND

I. GRÜNBAUM.

HISTORJA SJONIZMU

CZĘŚĆ DRUGA

Wydawnictwo E. GITLIN Warszawa,
Nalewki Nr. 1. P. K. O. 7 732.

Składano u K. Bira Warszawa, Pawia 37.
Druk: Sz. Sikora i I. Milner Warszawa Nowolipki 6.

הקדמה

דער צווייטער טייל פון מיינע לעקציעס וועגען דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער בעוועגונג איז אָנגעשריבען געוואָרען ניט נור אויפן יסוד פון די רשימות פון די צוהערער, נאָר אויך אויפן יסוד פון נייע אַרבייטען, וואָס זענען אינצווישען ערשיענען. בעזונדערס האָבען געהאָלפען די דאָקומענטען, וועלכע עס האָט פערעפענטליכט מ. מדזיני אין זיין פּאָרציגליכער אַרבייט (אין העברעאיש) המדיניות הציונית מראשיתה עד מות הרצל (ירושלים תרצ״ד) — (די ציוניסטישע פּאָליטיק פון איהר אָנהויב ביז הערצל׳ס טויט), צו פערטיעפען און בעגרינדען די אַנאַליזע פון הערצל׳ס אָנשויאונגען און טעטיגקייט און פונ׳ם קאַמף צווישען איהם און דער בעוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען פונ׳ם ערשטען קאָנגרעס און געענדיגט מיטן טויט זיינעם.

אין דעם דאָזיגען קאָנפליקט, וועלכען הערצל האָט ניט בעוויזען גובר צו זיין און בעזייטיגען, וועלכען ער האָט נאָך פערטיעפט מיטן אוגאנדא-פּראָיעקט, האָבען געשטעקט די וויכטיגסטע סיבות פון זיין טראַגעדיע.

די בעוועגונג האָט מנצח געווען. זי האָט אָבער אויך אויפגענומען אין זיך און איינגעזאַפּט אַלץ, וואָס איז געווען אמת אין גבורה און הוד אין הערצלס שיטה און טעטיגקייט. זי האָט איהם דערהויבען צו דער הויך פון אַן אייביגען סימבאָל פון מלכות אין ישראל, פון פאָלקס-בעפרייאונג.

ירושלים, אין נאָוועמבער 1934.

ערשטע לעקציע

הערצל'ס ערשיינונג. — די אנטיסעמיטישע כוואליע אין פראנקרייך אין צוזאמענהאנג מיט'ן דרייפוס-פראצעס. — אין הערצל דערוועקט זיך דער יוד. — זיין רעיון צו לעזען דאס יודישע פראבלעם. — דאס געשפרעך מיט באראן הירש. — דאס מעמאראנדום פאר ראטשילדן. — די פראפאגאנדע אין פאריז און לאנדאן. — דער יודען-שטאט. — אין וואס בעשטעהט דער חידוש. — פורש בשם דאס ענדציעל. — דאס יודישע פראבלעם איז א פראבלעם פון פאלק. — די יודען-נויט און דער אנטיסעמיטיזם. — א רעזולטאט פון דער יודישער לאגע. - די גלייכבערעכטיגונג פון אסימילאציע. — די וואס ווילען נישט אדער קאנען זיך נישט אסימילירען. — ווי אזוי דארף די אידעע פערווירקליכט ווערען? — וואו זענען די כחות? — דער פלאן. — ווי וועט אויסזעהען די מלוכה? — דער איינדרוק פון דער בראשור. — די בעציהונג פון די „גרויסע" יודען. — „אחעראנטא מאוועבא". — דער גערעדאנק ווענען קאנגרעס און בעוועגונג. — פאליטישע טעטיגקייט. — די וועלט.

הערצל איז געקומען פון דער פרעמד. פון דער דייטשער קולטור-וועלט, אין וועלכער ער האט געלעבט, פאר וועלכער ער האט געארבייט. ער האט זיך בעטייליגט אלס פעליעטאניסט אין דער גרעסטער און איינפלוסרייכסטער דייטשער צייטונג אין וויען, „די נייע פרייע פרעסע", האט געשריבען טעאטער-שטיק. ער האט געהערט צו יענע שיינגייסטער, וועלכע די יודען פון מערב און מיטעל-אייראפא האבען אין אזא גרויסער צאהל ארויסגעגעבען אין XIX יאהרהונדערט. אבער הערצל האט אויך געהאט די גרויסע סגולה צו דערזעהען די סודות פון געזעלשאפטליכען לעבען, דעם שארפען בליק, וואס שניידט אדורך די נעבעל פון דער צוקונפט און ועל כולם דאס שטאלצע מענשליכע געפיהל, וואס קאן זיך נישט בערוהיגען, ווען עס ווערט בעליידיגט דורך דעם לעבען.

הערצל האט געלעבט אין פאריז, ווען אין צוזאמענהאנג מיטן דרייפוס-פראצעס האט זיך אויפגעהויבען אין דעם דאזיגען לאנד א געוואלדיגע אנטיסעמיטישע כוואליע, און די גאסען פון פאריז זענען פערהילכט געווארען פון די געשרייען פונם פראנצויזישען המון: „טויט די יודען!" די דאזיגע געשרייען

האָבען צו קיין מעשים פון טעראָר אָדער פון פּאָליטיש־רעכטליכע בעגרענעצונגען נישט געבראַכט, אָבער הערצל, וועלכער האָט בעאָבאַכטעט דאָס פראַנצויזישע פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע לעבען, איז געוואָרען פון די דאָזיגע געשרייען אויפס טיעפסטע ערשיטערט און געקרענקט. עס האָט זיך פאַר איהם ענטהילט די נויט און די טראַגעדיע פון זיין פאָלק, און עס האָט איהם געהאַקט דער ברענענדיקער ווילען צו געפינען דעם סוד פון דער שנאה און פיין, דעם סוד פון דער גאולה, און אויפלעבען פון זיין פאָלק.

ער וויל אָנהויבען מיט אַ טהאַט. ער געהט צו באַראָן הירש, וואָס האָט אין יענע צייטען מנדב געווען פאַר יודען אַ ריזיגע סומע פון 250 מיליאָן פראַנק, כדי אַרויסצופיהרען זיי פון די לענדער פון נויט און זיי קאָלאָניזירען אין אַרגענטינא און ער פרובט איהם געווינען פאַר זיין פּלאַן. פאַר הירש׳ן איז עס נישט מעהר ווי אַ פאַנטאַזיע. ער פערשטעהט נישט הערצלען, ער גלויבט איהם נישט. נאָך וועניגער האָט הערצל גליק מיט ראָטשילדן. שוין מעהר גליק האָט הערצל אין זיינע אַרויסטרעטונגען אין געזעלשאַפטליכע קרייזען אין לאָנ־דאָן און פּאַריז. אָבער דאָס פייער, וואָס האָט זיך אָנגעצונדען אין איהם צו־פלאַקערט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. אין דעם דאָזיגען פייער ווערט ווי געגאָסען און געשמידט דער געדאַנק וועגען יודען־שטאַט, און די בראָשור, מיט דעם זעלבען נאָמען. ווי אין אַ פיבער האָט הערצל געשריבען די דאָזיגע בראָשור. ווי אַ בשורה פון אַ אָפּענבאַרונג איז זי אין זיינע אויגען געווען, ווי אַ משוגעת — אין די אויערן פון זיינעם אַ פריינד, וועלכען ער האָט זי פאָרגעלעזען.

פאַר העס׳ן איז דער שווערפּונקט פונם יודישען פּראָבלעם געלעגען אין דעם ווידערשפּרוך צווישען רוים און ירושלים, אין דער בעפרייאונג פון רוים, נאָך וועלכער עס מוז קומען די בעפרייאונג פון ירושלים, פאַר פּינסקערן — אין דער זעלבסטבעפרייאונג פונם יודישען פאָלק, וואָס דאַרף זיין אַ געגענזאַץ צו דער עמאַנסופּאַציע, וועלכע איז געקומען פון דרויסען, פאַר הערצלען אינם יודענשטאַט, וואָס דאַרף ענטשטעהן, כדי דאָס יודישע פּראָבלעם זאָל פערענט־פערט ווערען, כדי די יודישע נויט, די עקאָנאָמישע און גייסטיגע זאָלען בע־זייטיגט ווערען. הערצל איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך דערוועגט דאָס דאָזיגע גרויסע וואָרט, דעם דאָזיגען שם הקדוש פון דער יודישער בע־פרייאונגס־בעוועגונג אַרויסצוברענגען פון זיין פעדער און וואַרפען אין די יודישע און נישט־יודישע וועלט. קיינער פאַר איהם האָט עס נישט געוואַגט. אין די טיפענישען פון דער נשמה האָט עס געשימערירט ביי אַלע, אָבער ביי הערצ־לען האָט עס אויפגעפלאַקערט מיט אַ פלאַם־פייער. דער ענטפער אויפן פּראָ־בלעם פונם יודישען פאָלק איז — די גרינדונג פון אַ יודענשטאַט, פון יודי־שער מלוכה.

דאָס יודישע פּראָבלעם — לויט הערצלס מיינונג — בעשטעהט אין דער יודען־נויט. אין איהר ליגט אויך דער כוח, וועלכער וועט ברענגען דאָס פאָלק

צו שאַפען דעם יודענשטאַט. די נויט איז אַ צוויי=פאַכע: אַ פיזישע, ד. ה. אַ עקאָנאָמישע, און אַ גייסטיגע, ד. ה. אַ קולטורעלע, זי קומט אַלס רעזולטאַט פון די בעזונדערע בעדינגונגען, אין וועלכע די יודען געפינען זיך. נישט די שנאה צו די יודען איז איהר מקור, נאָר די דאָזיגע בעדינגונגען, די צווייטקייט פונם פאָלק, די קאָנקורענץ צווישען איהם און די אַרומיגע פעלקער. וואָס גרעסער עס ווערט די צאָהל יידען אין לאַנד, אַלץ גרעסער ווערט די קאָנקורענץ, די שנאה און די נויט. די יודען פערלאָזען די לענדער פון נויט, וואַנדערען איבער די וועלט, אָבער שלעפען מיט זיך מיט די שנאה און די נויט.

דאָס איז אַ בעזונדערע אַרט פון נויט — דאָס איז די יודען=נויט. זי ווערט נישט בעזייטיגט דורך פאָליטישע אָדער סאָציאַלע רעפאָרמען אָדער רעוואָלוציעס. זי איז פערבונדען מיט דער עקזיסטענץ פון אַ פאָלק און מיט זיין לעבען און שאַפען. אויך די אַסימילאַציע קאָן די דאָזיגע נויט נישט בעזייטיגען. זי איז דאָך צוגענגליך פאַר אַ קליינער צאָהל, וואָס שטרעבט דערצו. זי שאַפט אויך אַ בעזונדערע פאָרם פון דער דאָזיגער נויט — די גייסטיגע. הערצל שילדערט שפּעטער אין זיין טעאַטער=שטיק „דאָס נייע געטאָ" די דאָזיגע גייסטיגע נויט פון די אַסימילירטע יודען, וועלכע פיהלען, אַז זיי מוזען שטעהען תמיד אויף דער וואַך פון זייער כבוד, וואָס קאָן יעדע רגע פערלעצט ווערען. הערצל, וואָס איז דאָך געווען אַליין אַסימילירט, פערשטעהט, אַז נאָר יחידים קאָנען זיך אַסימילירען, אַ פאָלק קאָן עס נישט, וויל עס נישט. און ער פאָרמולירט אין אַ קורצען זאַץ די דאָזיגע בעקענטניס זיינע. „מיר זענען אַ פאָלק, איין פאָלק."

אויב מיר זענען אַ פאָלק, איז דאָס יודישע פּראָבלעם נישט קיין סאָציאַל אָדער רעליגיעז פּראָבלעם, נאָר אַ נאַציאָנאַל. די לעזונג פון דעם דאָזיגען פּראָבלעם מוז זיך געפינען אויף גאָר אַן אַנדערען שטח, ווי דער, אויף וועלכען מען האָט איהם געזוכט. געוויס וועלען זיך אַ סך פון די, וואָס האָבען זיך צוגעפּאַסט צו די בעדינגונגען פון יודישען לעבען און אַסימילירט, דערשרעקען פאַר אַזאַ לעזונג. אויב זיי פיהלען זיך אַלס פראַנצויזען אָדער דייטשען א. אַז. וו. פון משה׳ס גלויבען, קאָן מען צו זיי גאָר נישט האָבען, אָבער זיי דאַרפען דאָך פערשטעהן אַז עס געהט וועגען די יודען, וואָס ווילען זיך נישט אַסימילירען, וואָס פיהלען, אַז זיי קאָנען נישט, ווילען נישט און טאָרען נישט אונטערגעהען. די נאַציאָנאַלע לעזונג פונם יודישען פּראָבלעם איז פאַר די, וואָס ווילען און קאָנען זיך נישט אַסימילירען.

די דאָזיגע לעזונג בעשטעהט אין דער שאַפונג פון אַ יודענשטאַט, אין אַ אָרגאַניזירטען עקזאָדוס, אין אַ מין נייער יציאת מצרים אין אַ לאַנד, וואָס וועט בעשטימט ווערען פאַרן יודישען פאָלק. די דאָזיגע נייע יציאת=מצרים וועט נישט נאָר ראַטעווען די יודען, וואָס וועלען אַרויס פון די לענדער פון נויט, נאָר אויך די, וואָס וועלען אין זיי בלייבען. וואָרום זי וועט בעזייטיגען אָדער ווענינגסטענס פערקלענערען די קאָנקורענץ צווישען די יודען און די

נישט־יודען, וועט בעפרייען פאַר די נישט־יודען די פּאָסטענ׳ס, וועלכע די יודען פערנעהמען. דער דרוק פון די נויט־ליידענדע יודען אויף די צוגעפּאַסטע און אַסימילירטע וועט פערשווינדען. די אָרגאַניזירונג פון דעם יודישען פאָלק אין זיין לאַנד וועט גלייכשטעלען די יודען מיט אַנדערע פעלקער, און וועלען אַמאָל יודען צוריקקומען פון זייער לאַנד אין די נישט־יודישע לענדער, וועלען זיי אויפגענומען ווערען, ווי אָנגעזעהענע און געווינשטע געסט, ווי אַלע אַנדערע פרעמדע.

די פעלקער וועלען בעפרייט ווערען פון די געפאַהרען, וואָס שטעקען אין דער יודען־נויט און אינ׳ם אַנטיסעמיטיזם. עס וועט אויפהערען די וואַנדערונג פון די יודען, וואָס שלעפּט מיט זיך מיט די קאָנקורענץ און די שנאה און די נויט. דאָס מאַכט די יודען־פראַגע פאַר אַ וועלט־פראַגע, אין וועמענס לעזונג עס זענען פאַראינטערעסירט אַלע פעלקער און אַלע מלוכות פון דער וועלט. די נאַציאָנאַלע לעזונג, דער יודען־שטאַט ליעגט אין די אינטערעסען פון אַלעמען, זי איז נישט נאָר אַ ענין פאַר יודען, נאָר אַ אינטערנאַציאָנאַלער ענין.

דער דאָזיגער געדאַנק איז געוועזן פאַר יודען בכלל און פאַר דער ציוניסטישער דעמאָלדיגער בעוועגונג גאָר ניי. קיינער פון די פריהערדיגע לעהרער און פיהרער האָט נישט געשטעלט די יודישע פראַגע אין נאָך ווייניגער די נאַציאָנאַלע לעזונג איהרע אַלס אַ אינטערנאַציאָנאַלע פראַגע און אויפגאַבע. דער דאָזיגער געדאַנק איז געוועזן אונגעהויער פרוכטבאַר: ער האָט געגעבן הערצלען די מעגליכקייט צו ווענדען זיך צו די פעלקער און רעגירונגען און מאַכען די ערשטע טריט אויף אַ גאַנץ נייעם וועג פון אַ יודישער וועלט־פּאָליטיק, פון אַ פּאָליטיק פונם גאַנצען יודישען פאָלק אויף דער וועלט. ביז צו הערצלס צייטען האָט עקזיסטירט בלויז אַ יודישע פּאָליטיק אין פערשידענע לענדער, העכסטענס האָט איין טייל פון יודישען פאָלק געהאָלפען אַנ׳אַנדערען צו דערגרייכען רעכט און בעסערע לעבענס־בעדינגונגען אין זיין וואוינלאַנד. פּינסקער און אחד העם האָבען די דאָזיגע פּאָליטישע זייט פון דער נאַציאָנאַלער לעזונג פערשטאַנען אַלס אַ מין השתדלות־פּאָליטיק אין דער טערקישער מלוכה. הערצל האָט זיך אויך אין זיין פּאָליטישער טעטיגקייט אויף אַ מאָמענט קאָנצענטרירט אין טערקיי, אָבער ער האָט נישט אויפגעהערט צו בעהאַנדלען די נאַציאָנאַלע לעזונג, וועלכע ער האָט פאָרגעלייגט פאַר יודען און פאַר דער וועלט, אַלס אַ אינטערנאַציאָנאַלע פראַגע און אויפגאַבע.

פאַר הערצלען ווי פאַר פּינסקערן איז די נאַציאָנאַלע לעזונג נישט געווען אָרגאַניש פאַרקניפּט מיט ארץ־ישראל. הערצל אַזוי ווי פּינסקער האָט אָנערקענט די גרויסע בעדייטונג פון ארץ־ישראל פאַרן יודישען פאָלק, אָבער ער האָט אויך געטראַכט וועגען אַרגענטינע, וועגען אַנדערע לענדער, נישט נאָר וועגען ארץ־ישראל. די יודען דאַרפען האָבען אַ ל אַ נ ד לאו דוקא ארץ־ישראל. וואָלט דער טערקישער סולטאַן פערשטאַנען, אַז אויך אין זיינע אינטערעסען ליעגט איבערצוגעבען ארץ־ישראל דעם יודישען פאָלק, וואָלט קיין אַנדער לאַנד

נישט געקומען אין בעטראַכט. אָבער אויב דער סולטאַן וועט נישט האָבען קיין פערשטענדניש פאַר די יודישע פאָדערונגען, דאַן וועט דאָס יודישע פאָלק מוזען זיך ווענדען ערגיץ אַנדערש.

הערצל האָט זיך נישט בעגנוגענט מיטן פאָרמולירען די יסודות פון זיין תורה און פון דער לעזונג פון דער יודען־פראַגע, ער האָט אויסגעאַרבייט אַ פולשטענדיגען פלאַן ווי אַזוי צו פערווירקליכען זיין פאָרשלאַג. נישט דעם פלאַן, ווי אַזוי צו בעוועגען די מאַכט־האָבער פון דער וועלט איינצוגעהען אויף דער נאַציאָנאַלער לעזונג פון דער יודענפראַגע, נאָר אַ פלאַן, ווי אַזוי די דאָזיגע לעזונג וועט פערווירקליכט ווערען, ווי אַזוי עס וועט אָרגאַני־זירט ווערען דער עקזאָדוס פון די יודען אין זייער לאַנד, ווי אַזוי עס וועלען געבויט ווערען שטעדט און דערפער, ווי אַזוי עס וועט איינגעאָרדענט ווערען דאָס לעבען אינם יודען־לאַנד, ווי אַזוי עס וועט געלעזט ווערען די אַרבייטער־פראַגע, וואָס פאַר אַ רעזשים עס וועט הערשען אינם יודענשטאַט, אַפילו ווי וועט אויסזעהען די פאָהן א. אַז. וו. דער שווערפּונקט פון זיין פלאַן — האָט ער געגלויבט — ליגט טאַקי אין דער צו ערקלעהרען, ווי אַזוי ער קאָן פערווירקליכט ווערען. די יודען און די נישט־יודען האָבען דוקא אין דער הינזיכט ספקות, נישט אין דעם, צי דער גאַנצער פלאַן דאַרף אָנגענומען ווערען. דאָס, האָט זיך געדוכט הערצלען, איז גאָר נישט אַזוי שווער, וואָרום ווי אַזוי קאָנען דאָס די יודען און די וועלט נישט איינזעהען, אַז ס'איז קיין אַנדערע לעזונג פון דער יודען־פראַגע נישט פערהאַנען אַחוץ די נאַציאָנאַלע לעזונג, אַחוץ דעם יודען־שטאַט?

הערצל פערגלייכט זיין אַרבייט מיט דעם ווערק פון הערצקא, וואָס האָט אין יענע צייטען פערעפענטליכט אַ אוטאָפּיע ד. ה. אַ בעשרייבונג פון אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער די סאָציאַלע פראַגע איז געלעזט געוואָרען. אויך הערצלס יודען־שטאַט איז אַ אוטאָפּיע אין דעם זין, וואָס אין איהם ווערט בעשריבען מיט אַלע דעטיילען, ווי אַזוי עס וועט אויסזעהען דאָס יודען־לאַנד און דער אָרדען אין דער דאָזיגער אוטאָפּיע איז געקומען טאַקי צום אויס־דרוק די אַסימילירטקייט פון הערצלען, זיין פרעמדקייט אין יודישען נאַציאָ־נאַלען לעבען. עס איז אין איהר נישט פערהאַנען כמעט קיין נאַציאָנאַל־יודישער שטריך, קיין איין אָנווייזונג, אַז די יודישע קולטור און שפּראַך וועט אויפלעבען אין דעם יודען־לאַנד.

הערצל האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלץ זעהר מעכאַניש. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז די יודען־נויט איז נישט נאָר דער כוח, וועלכער קאָן וויר־קען אויף די יודען און אויף דער וועלט, אַז זיי זאָלען אָנערקענען די ריכ־טיגקייט פון דער לעזונג, וואָס ווערט פון איהם פאָרגעלייגט, נאָר זי וועט אויך ווערען די בעוועגונגס־קראַפט, וואָס וועט טרייבען די גאַנצע פערווירקליכונגס־מאַשין. די ערשטע וועלען געהען די אָרימע, די נויטבעדערפטיגע, וואָס ווע־לען צוגרייטען דאָס נויטיגסטע, דערנאָך דער מיטעלשטאַנד און ערשט צום

סוף װעלן קומען די רײכע. גאַנצע שטעדטלעך און שטעדט װעלן איבער־װאַנדערן און גרינדען שטעדט און שטעדטלעך און דערפער. בראש פון זײ װעלן געהען די רבנים, װאָרום לױט הערצלס פאָרשטעלונג זענען זײ די פירער פונם פאָלק. דאָך אָבער װיל הערצל נישט, אַז אין דער יודישער מדינה זאָלען הערשען די רבנים, די יודישע גײסטליכע. ער האַלט אױך נישט שטאַרק פון דעמאָקראַטיע. ער שטרעבט צו אַ מין אַריסטאָקראַטישער רעפּובליק, װאו עס װעט הערשען די אינטעליגענץ, די געהירען און דאָס האַרץ פון פאָלק. ער װיל אײנפיהרען די סאָציאַלע גערעכטיגקײט, אַ זיבען שעה׳דיגען אַרבײטס־טאָג, ער האַלט, אַז דאָס עקאָנאָמישע לעבען דאַרף שטרענג אָרגאַניזירט װערען.

צװײ קערפּערשאַפטען װעלן דאָס אַלץ אױספיהרען: „דער יודישער פעראײן” און „די יודישע געזעלשאַפט”. דער ערשטער דאַרף זײן דאָס אָר־גאַניזירטע יודישע פאָלק. אַלע װאָס װילען נישט אָדער קאָנען זיך נישט אַסי־מילירען דאַרפען אין איהם זיך בעטײליגען. די צװײטע קערפּערשאַפט דאַרף װערען דער אױספיהרונגס־אינסטרומענט. זי דאַרף אױסזוכען דאָס לאַנד, שאַ־פען די פינאַנסען, אָרגאַניזירען די אױסװאַנדערונג און די אײנװאַנדערונג, ליקװידירען דאָס פערמעגען פון די אױסװאַנדערער א. ד. ג. דאָס געלד װעט מען בעקומען פון די רײכע און אױב זײ װעלען נישט געבען, דאַרף געגרינ־דעט װערען אַ באַנק, װאָס װעט שױן דאָס געלד געפינען.

דאָס זענען געװען די געדאַנקען און פלענער, מיט װעלכע הערצל איז אַרױס צו דער יודישער און נישט־יודישער װעלט. זײ האָבען זיך פאַר איהם אַנטפּלעקט אַזױ װי אין אַ זעהונג, אין אַ אָפּענבאַרונג. ער האָט נישט גע־װאוסט נישט װעגען פינסקער׳ן, נישט װעגען העס׳ן און האָט גאָר אַ שװאַכען בעגריף געהאַט װעגען דער בעװעגונג קײן ארץ־ישראל, װאָס האָט שױן עפּעס געהאַט געשאַפען אין דעם דאָזיגען לאַנד. ער האָט געװאוסט װעגען באַראָן הירש׳ן און װעגען עדמונד ראָטשילד, און זײ בײדע האָט ער געװאָלט גע־װינען, זײ איבערגעבען די אױפגאַבע פון אַ מאָדערנעם משה, די אָנפיהרונג מיט דער יציאת אײראָפּא. אָבער בײדע האָבען נישט געגלױבט, געהאַלטען דעם גאַנצען פּלאַן פאַר אַ פאַנטאַזיע. ער איז אַזױ װי געגען זײן אײגענעם װילען אַרײנגעצױגען געװאָרען אין אַ פיבערהאַפטער טעטיגקײט, װאָס איהר ציעל איז געװען צו פערװירקליכען זײן פּלאַן. אין לאָנדאָן, אין פּאַריז, אין װיען װענדעט ער זיך צו דער העכערער אָנפיהרענדער יודישער געזעלשאַפט, רופט אַרױס אינטערעס צו זײנע געדאַנקען און פּלענער, אָבער װעקט אױך אַ װידערשטאַנד בײ די אַסימילאַטאָרען און ראַבינער, װאָס דערשרעקען זיך פאַר זײן דרײסטקײט אין דער אַנאַליזע פון דעם אַנטיסעמיטיזם, פאַר זײן אָפענער אָבשאַצונג פון דער יודישער װירקליכקײט, פאַר זײן שטרעבען צו אָרגאַניזירען דאָס יודישע פאָלק און גרינדען אַ יודישע מדינה, נאָר װעניגע צװישען זײ שטעהען צו איהם צו. אױך בײ די חובבי ציון שטױסט ער זיך אָן אױף אַ

ווידערשטאַנד, וואָרום זיי האָבען מורא, אַז דער שם המפורש פון דעם יודענ־שטאַט זאָל נישט אָנוואַרפען אַנ'אימה אויף די טערקען און זיי זאָלען נישט פערשליסען די טויערען פון ארץ־ישראל. בלויז ביי דער יוגענד פון די חובבי ציון, אין יענע יוגענד־קרייזען פון וויען און בערלין, וואָס האָבען שוין פון לאַנג געלעכצט נאָך אַ דרייסט גרויס וואָרט, נאָך אַ שוואונג, נאָך ברייטע האָריזאָנטען, בלויז ביי זיי וועקט ער ענטוזיאַזם. בלויז זיי דערשפירען אין איהם דעם פיהרער, שענקען איהם זייער גלויבען און צוטרוי, זייער ענערגיע און איבערגעגעבענהייט.

אינצווישען אָבער געלינגט הערצלען אָנצוקניפען פּאָליטישע בעקאַנט־שאַפטען, עפענען פאַר זיך וועגען צו די מעכטיגע פון דער וועלט. עס עפע־נען זיך פאַר איהם מעגליכקייטען פון פּאָליטישער אַרבייט און בעציהונגען אַזוי אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל ווי אויך אין דייטשלאַנד. ער גלויבט אין דער פאַנטאַזיע און ברייטהערציגקייט פון ווילהעלם דעם צווייטען, דעם קייזער פון דייטשלאַנד, אין דער פערשטענדניש פונם טערקישען סולטאַן.

ער איבערציינגט זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר, אַז ער האָט נישט וואָס צו רעכנען אויף די רייכע און די מעכטיגע יודען. ער שטעהט פאַר אַ ברירה אָדער אויפצוגעבען זיין שליחות, אָדער ווענדען זיך צום פאָלק. „אויב נישט די אויבערשטע, מוז מען ברענגען אין בעוועגונג די אונטערשטע". ער גרינ־דעט „די וועלט", אַ וואָכענבלאַט אין דער דייטשער שפּראַך, וואָס טרעט שטאָלץ אַרויס אַלס „יודענבלאַט", און וועהלט פאַר איהם אַ געלע הילע אַלס סימבאָל. ער פערבינדעט זיך מיט דער חובבי ציון בעוועגונג, זאָגט זיך אָב, ווי פינסקער בשעתו, פונם געדאַנק צו זוכען אַנ'אַנדער לאַנד, און פערקניפּט זיין פּלאַן מיט ארץ־ישראל. ער פערשטעהט, אַז ער מוז שאַפען אַ פאָלקס־אָרגאַניזאַציע, די יודישע קערפערשאַפט, וועגען וועלכער ער האָט געטרוימט, און עס ענטשטעהט ביי איהם דער געדאַנק צונויפצורופען אַ קאָנגרעס, וואָס זאָל שאַפען די אָרגאַניזירטע בעוועגונג אין דער וועלט, פאָרמולירען דאָס פּראָגראַם און אָנהויבען פערווירקליכען דעם פּלאַן פון דער נאַציאָנאַלער לע־זונג פון דער יודען־פראַגע.

צווייטע לעקציע

דער געדאַנק וועגען אַ קאָנגרעס אין די יוגענדקרייזען פון די חובבי ציון. — הערצלס שוואונג. — דער פּלאַן צונויפצורופען איהם אין מינכען. — דער ווידערשטאַנד פון דער קהלה און פון די ראַבינער. — עס ווערט אויסגעוועהלט באַזעל אַלס די קאָנגרעס־שטאָדט. — די אַגיטאַציע אין רוסלאַנד. — די בעציהונג פון חובבי ציון. — נישט געקוקט אויף זייער מורא ווערען זיי מיטגעריסען. — דער 1־טער באַזעלער קאָנגרעס. — די אייראָפּעאישע פּאַרלאַמענטאַרישע פאָרם און איהר ווירקונג. — דער גלאַנץ. — די ווירקונג פון הערצלס געשטאַלט און זיין פיהרער־טאַלענט. — זיין פּראָגראַם־רעדע. — די נאָרדוים רעדע. — די בעריכט(ע)ן וועגען דער יודישער לאַגע אויף דער וועלט. — די פּראָגראַם־רעדעס פון בירנבוים און פון פאַרבשטיין. — דאָס באַזעלער פּראָגראַם. — אַנשטאָט יודענשטאַט — היים. — דער קאַמף צווישען פעלקער־רעכטליך און רעכטליך. — דער קאָמפּראָמיס עפענטליך רעכטליך. — די גרינדונג פון דער אָרגאַניזאַציע. — דער שקל. — דער ענגער אַקציאָנס־קאָמיטעט און דער גרויסער אַקציאָנס־קאָמיטעט. — הערצל ווערט דער פיהרער. — ער שרייבט אין זיין טאָג־בוך: געלייגט דעם פונדאַמענט פון אַ יודענשטאַט. — די ווירקונג פון ערשטען קאָנגרעס. — די אָנהענגער און די קריטיקער.

מיר ווייסען, אַז די יוגענד־קרייזען פון די חובבי ציון האָט מען זיך שוין פון לאַנג געטראָגען מיטן געדאַנק צונויפצורופען אַ קאָנגרעס, אין וועלכען עס זאָלען זיין פערטרעטען אַלע כחות, וואָס האָבען זיך בעטייליגט און געוואָלט בעטייליגען אין דער אַרבייט פאַר און אין ארץ־ישראל. די קאַטאָוויצער פערזאַמלונג אין 1885 איז געוועזן דער ערשטער פרוב אין דער ריכטונג, וואָס איז, אמת, נישט געלונגען. הערצל האָט אויפגענומען דעם דאָזיגען געדאַנק און האָט איהם געגעבען אַ גרויסען שוואונג. ער איז נישט לייכט איינגעגאַנגען אויף איהם. אַ פאָלקס־בעוועגונג מיט דעמאָקראַטישע פאָרמען, וואָס ווערט געפיהרט גאַנץ אָפט מיט דעמאַגאָגישע מיטלען, איז געווען געגען זיין אַריסטאָקראַטישען געשמאַק און נייגונגען.

הערצל האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער וועט אַליין קאָנען דערשלאָגען זיך צו דער הסכמה פון טערקיי און פון די מלוכות אויף דער גרינדונג פונם יודענשטאַט אין ארץ־ישראל. ער איז געווען זיכער, אַז ווען ער וועט ברענגען דעם פאָלק די בשורה פון דער דאָזיגער הסכמה, וועט דאָס פאָלק אויפשטעהן ווי איין מענש, און עס וועט זיך געפינען אַלץ, וואָס איז נויטיג. אָבער געלד, האָט ער פערשטאַנען, וועט ער דאַרפען האָבען אויך ביי די ערשטע טריט. צוליעב דעם האָט ער זיך געווענדעט צו באַראָן הירש, צו עדמונד ראָטשילד, צו מאַנטעגאַ.

כמעט אַ גאַנץ יאָהר האַט זיך הערצל געראַנגעלט, אום אַדורכצופיהרען זיין פּלאַן. אָבער אין אַלע זיינע בעמיהונגען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין קאַרלסרוהע, אין וויען, האָט ער זיך אָנגעשטויסען נישט נאָר אויף אונווילען און אונפערשטענדניס, נאָר אויך אויף דער פראַגע: „וער ביזטו, וועמען פערטרעטסט דו״. ער האָט אַפילו נישט געקאָנט זאָגען, אַז הינטער איהם שטעהען די יודישע געלד־מאַגנאַטען, ווארום זיי האָבען זיך אָבגערוקט פון איהם, ווי נאָר זיי האָבען דערזעהען, אַז ער מיינט גאָר ערנסט מיט זיין געדאַנק. ער איז געשטעלט געווארען אין אַ גאַנץ פאַלשער לאַגע: אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט ער געמוזט רעדען אַזוי, ווי ער וואָלט בעפולמעכטיגט געווען פון דער גרויסער יודישער פינאַנסיעלער וועלט, און אין וויען, פּאַריז, לאָנדאָן האָט ער געמוזט געבען אָנצוהערען, אַז ער האָט בעקומען בעשטימטע אָנווייזונגען, כמעט פערזיכערונגען.

הערצל האָט פערשטאַנען, אַז פון דער דאָזיגער פאַלשער לאַגע איז נאָר דאָ איין אויסוועג — ווענדען זיך צום פאָלק, אָרגאַניזירען דאָס פאָלק און ביי איהם געפינען די נויטיגע מיליאָנען. דאָס איז געווען אין יענע צייטען אַ געוואַגטער געדאַנק. ער האָט אַרויסגערופען אונגעהויערע חששות. אי ביי די אַסימילאַטאָרען, אי ביי די חובבי ציון. די ערשטע האָבען מורא געהאַט פאַרן פראָקלאַמירען די עקזיסטענץ פון אַ יודישען פאָלק און פון זיין איינהייטליכקייט אויף דער וועלט. האָבען זיי דאָך געהאַלטען אין איין איינרעדען דער וועלט און זיך אַליין, אַז די יודען אין די לענדער האָבען מיט זיך גאָר ווענִיג שייכות, נישט מעהר ווי די קאַטאָליקען, למשל, האָבען זיי דאָך געגלויבט, אַז דערויף באַזירט די גלייכבערעכטיגונג פון די יודען, וואו זי איז פערהאַנען, די האָפנונג זי צו דערגרייכען דאָרט, וואו זי הערשט נאָך ניט. די חובבי ציון ווידער, האָבען זיך געשראָקען פאַר רעפּרעסיעס מצד דער טערקישער רעגירונג, ווען זי וועט דערהערען, אַז יודען ווילען שאַפען אַן׳אייגענע מלוכה אין ארץ־ישראל. אויך אָהן דעם האָבען די טערקען געהאַט דעם דאָזיגען חשד און נישט ערלויבט צו ענטוויקלען קיין שום גרעסערע טעטיגקייט אין ארץ־ישראל.

די דאָזיגע חששות האָבען ניט אָבגעשראָקען הערצל׳ן און זיינע פריינד. שוין געוויס ניט די ציוניסטישע יוגענד, וואָס האָט זיך אַרום איהם

קאָנצענטרירט, דערזעהענדיג אין איהם דעם אויסגעבענקטען פיהרער. הערצל האָט פערזיכערט, אַז ער וועט זיך רעכנען מיט אַלע געפאַהרען, מיט דער לאַגע אין ארץ־ישראל, ווי אויך אין רוסלאַנד, אז ער איז ווייט פון וועלכע ס'איז געדאַנקען צו טהון עפּעס, וואָס איז געגען די געזעצען פון די לענדער, וואָס קאָן אויפוועקען חשדים ביים טערקישען סולטאַן און אַנדערע רעגירונגען. אַלץ וועט געטהון ווערען עפענטליך, אונטער דער אויפזיכט פון דער גרויסער עפענטליכער מיינונג.

דאָס האָט ווענינ געהאָלפען. די פערטרעטער פון די אָפּיצילע יודישע קרייזען, בעזונדערס אין מערב אייראָפּא האָבען זיך נישט בערוהיגט. פון מינכען, וואו עס איז געפלאַנט געוואָרען אָבצוהאַלטען דעם קאָנגרעס, האָט ער געמוזט אַריבערגעטראָגען ווערען קיין באַזעל. די קהלה און די רבנים אין מינכען האָבען דערצו געבראַכט. עס איז קלאָר געווען, אַז די „גרויסע יודען" האָבען זיך פולשטענדיג אָבגערוקט פון הערצל'ן, פון זיינע פּלענער און טע־טיגקייט. זיי האָבען אַפילו געפּרובט שטערען.

אָבער דאָס איז געווען אומזיסט. די פאָלקס־מאַסען אין רוסלאַנד און אין פוילען, די מאַסען פון די חובבי ציון האָבען אינסטינקט, ווי דערשפּירט אין הערצל'ן אַ פיהרער. די ידיעות וועגען זיין אַרבייט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אין בערלין האָבען אויפגעפלאַמט די פאַנטאַזיע, האָבען אַזוי ווי גע־וויזען אויף אַ נייעם וועג, געוועקט גלויבען און געשטילט די בענקשאַפט נאָך גרויסע בעמיהונגען און דערגרייכונגען.

סוף אויגוסט 1897 איז צונויפגעקומען דער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל און עס איז אָרגאַניזירט געוואָרען די גרויסע ציוניסטישע וועלט־בעוועגונג, עס איז געשאַפען געוואָרען די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע, אַלס אַ פאָלקס־אָרגאַניזאַציע. כמעט אין דער זעלבער צייט האָט זיך אָרגאַניזירט דעד יודי־שער סאָציאַליזם, און עס איז ענטשטאַנען די יודישע סאָציאַליסטישע מאַסען־אָרגאַניזאַציע דער „בונד". די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אַרומגענומען אַלע יודישע קבוצים אויף דער וועלט בשעת די אַנדערע בלויז די יודישע אַרבייטער־מאַסען אין רוסלאַנד און פוילען. אָבער דיביידע בעוועגונגען האָבען אָנגעהויבען צו בעקעמפען איינע די אַנדערע, צו ווירקען איינע אויף דער אַנדערער. עס זענען געשאַפען געוואָרען צוויי צענטרען, אַרום וועלכע דאָס יודישע לעבען האָט זיך אָנגעהויבען דרעהען.

פייערליך איז צוגעגאַנגען אויפן ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס אין באַזעל. אַלץ איז געווען יום־טוב'דיג, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַ קאָנגרעס, אויף וועלכען עס ווערט פּראָקלאַמירט די עקזיסטענץ פון יודישען פאָלק, וואָס וויל אויפשטעהען תחית המתים. נישט איינמאָל האָבען די פּערזאַמעלטע דער־שפּירט, אַז איבער זייערע קעפּ שוועבען גייסטער, וואָס שמידען די געשיכטע פון פעלקער. די דעלעגאַטען פון רוסלאַנד האָבען זיך אַזוי ווי פערלוירען. זיי האָבען זיך פאָרגעשטעלט, אַז עס וועט זיין אַ מין נייע פערברייטערטע

קאַטאָוויצער פערזאַמלונג, און זיי האָבען דערזעהען פאַר זיך אַ יודישען פאַר-לאַמענט, אַ מין יודישע גרינדונגס-פערזאַמלונג. זייער איינפלוס, וועלכען זיי האָבען זיך געגרייט אויסצואיבען אינ׳ם גייסט פון פראַקטישען קאָלאָניזאַציע ציוניזם אָדער אינם גייסט פון אחד-העם, איז געווען זעהר שוואַך. דער קאָנג-רעס איז געשטאַנען אונטער דער הערשאַפט פון הערצל׳ן און נאָרדוי, בע-זונדערס אָבער פון הערצל׳ן. זיין פערזענליכקייט האָט אַלע בעצויבערט, מיט-געריסען פערשקלאַפט. ווי אַ קעניג וואָלט זיך פאַר זיי ענטפלעקט, דער אונ-געקרוינטער קעניג פון ישראל.

זיין ערעפנונגס-רעדע האָט הערצל געהאַלטען אין אַ טאָן פון אַ טראָן-רעדע. געצעהלט יעדעס וואָרט. אַזוי ווי נישט נאָר די יודישע וועלט וואָלט אויף איהם געקוקט, נאָר די גרויסע נישט-יודישע וואָלט אויך געוואַרט, וואָס ער וועט זאָגען. ער האָט שאַרף און בולט פראָקלאַמירט, אַז דאָס יודישע פאָלק לעבט און וויל זיין דערשלאָגען צו אַ פריי נאַציאָנאַל לעבען. דאָס זאָל פאַרקומען אָפען און לעגאַל. אַ אינטערנאַציאָנאַלע דיסקוסיע זאָל דערוועקט ווערען אַרום דעם דאָזיגען געדאַנק, און קיין שום זאַך זאָל נישט געשעהען, וואָס זאָל אָבשוואַכען דעם צוטרוי פון דער וועלט, בעזונדערס פון טערקיי צו דער דאָזיגער נייער יודישער בעוועגונג. טערקיי זאָל זיך איבערצייגען, אַז דער ציוניזם קאָן איהר בלויז ברענגען גוטס. עס זאָלען נישט ענטשטעהן קיין שום חשדים. עס האָט קיין שום זין נישט צו אינפילטרירען זיך אין לאַנד, צו פיהרען די קליינע קאָלאָניזאַציע-אַרבייט. אויף דעם וועג קאָן קומען די רעטונג אין אַ ניין הונדערט יאָהר, אויב אַפילו מען זאָל קאָלאָניזירען צעהן טויזענד יודען אַ יאָהר. און דאָס איז דאָך אויך אונמעגליך. דעריבער מוז מען געהען אויף אַ נייעם וועג. פריהער מוז קומען דער הסכם פון טערקיי און פון די פעלקער, און ערשט דערנאָך דאָס גרויסע ווערק פון אַריבערפיהרען די יודען קיין ארץ-ישראל. דאָס דאָזיגע ווערק וועט בעפרייען די לענדער און די מלוכות פון אַנטיסעמיטיזם. דער ציוניזם ברענגט דעריבער פרידען אַלע פעלקער אויף דער וועלט. פאַר די יודען בעדייט ער שוין איצט אַ ריקקעהר צו יודענטום נאָך איידער עס ווערט פערווירקליכט דער צוריקקעהר קיין ארץ-ישראל.

הערצל האָט אין זיין רעדע מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט דאָס אמת׳ע ציעל פון דעם יודענשטאַאַט. ער האָט זיך בעמיהט צו בערואיגען די געזעלשאַפטליכע מיינונג, די טערקישע רעגירונגס-קרייזען, וואָס האָבען געקוקט מיט חשד אויף דער נייער בעוועגונג, וואָס גרייט זיך אַריינברענגען אין טערקיי אַ נייע נאַציאָנאַלע פראַגע, אַ צוגאָב צו דער אַרמענישער, מאַצעדאָנישער, גריכישער, אַראַבישער, פון וועלכע זי קאָן נישט פטור ווערען. מיט זיין לאָ-זונג פון צוריקקעהר צו יודענטום האָט הערצל געפרובט צו פאָרמולירען דעם ווילען זיינעם צו פערבינדען זיך אָרגאַניש מיטן פאָלק און זיין קולטור און אויך צו בערוהיגען די געמיטער פון די חובבי ציון פון אחד-העם׳ס חדר, וואָס האָבען שטאַרק רעאַגירט אויף זיין פרעמדקייט. און וועניג לאָזונגען זענען

אַזוי ברייט אויסגעטייטשט געוואָרען, ווי דער דאָזיגער. מען האָט אַפילו גע־פּרובט זעהען אין דעם אַ אָנזאָג פון צוריקקעהר צו דעם יודישען דין און מנהג.

נאָרדוי האָט מיט זיין רעדע דערגענצט הערצל׳ס פּראָגראַם־רעדע. ער האָט געגעבען אַ בילד פונ׳ם יודישען לעבען אין גלות. ער האָט געשילדערט די יודען־נויט איןביידע איהרע געשטאַלטען: אין מזרח־אייראָפּא די פיזישע, די עקאָנאָמישע, אין מערב־אייראָפּא—די גייסטיגע, די קולטורעלע. די לעצטע איז פיעל שווערער ווי די ערשטע, ווייל די, וואָס ליידען די דאָזיגע נויט, זענען מענשען, וואָס האָבען שוין געגאָסען פון דער גלייכבערעכטיגונג. די עמאַנציפּאַציע פון די יודען אין מערב־אייראָפּא איז נישט געווען קיין רעזול־טאַט פון די ענדערונגען אין די געפיהלען צו יודען. אין פראַנקרייך איז זי געווען אַ קאָנסעקוועגץ פון די אַקסיאָמע, אַז יודען אַלס מענשען קומען אַלע מענשליכע רעכט, אין אַנדערע לענדער פון מערב און מיטעל־אייראָפּא מעהר אַ נאָכאַהמונג, אַ מאָדע־זאַך. בלויז ענגלאַנד איז געווען אין דער הינזיכט אַנ׳ אויסנאַהם: דאָרט האָבען זיך פריהער געענדערט די בעציהונגען צו יודען און דערנאָך ערשט זייערע רעכט. נאָרדוי אונטערשטרייכט ווייטער מיט אַ ביטערער איראָניע, אַז מען בעשולדיגט די יודען, אַז זיי האָבען פערכאַפּט דאָס גאַנצע רייכטום, די גאַנצע מאַכט, הגם זיי זענען נישט אומשטאַנד צו בעשיצען זייערע ברידער פון דעם קלענסטען אַזיאַטישען דעספּאָט. ער בעשולדיגט דערביי די רייכע יודען, אַז צוליעב זיי ליידען די אָרימע און וואָרנט די פעלקער און מלוכות פאַרן אַנטיסעמיטיזם און פאַר דעם יאוש, וואָס כאַפּט אַרום די יודישע מאַסען צוליב דער וואַקסענדער נויט זייערע.

נאָרדוי׳ס רעדע האָט געמאַכט אַנ׳אונגעהוירען איינדרוק. צום ערשטען מאָל האָט אַ יוד גערעדט וועגען דער יודישער לאַגע נישט אין אַנ׳אַפּאָלאָגע־טישען טאָן, צום ערשטען מאָל זענען אויפגעדעקט געוואָרען אונבע׳רחמנותדיג אַלע וואונדען, צום ערשטען מאָל איז אָנגעוויזען געוואָרען, אַז די עמאַנסיפּאַ־ציע פון די יודען האָט בלויז געענדערט די פאָרם פון די ליידען אָבער זיי נישט בעזייטיגט, אַז זי איז געווען בלויז אַ שכל־זאַך און האָט נישט קיין טיעפע וואָרצלען און די נשמות און הערצער פון די פעלקער. פריי און שטאָלץ האָט גערעדט נאָרדוי, ווי נאָך קיינער פאַר איהם. אונערשראָקען האָט ער גע־זאָגט דעם אמת, און עס איז קלאָר געוואָרען פאַר דער וועלט און פאַר די ציוניסטען אַליין, אַז דער ציוניזם גיט דאָס די דאָזיגע קראַפט צו קוקען דעם ביטערען אמת אין די אויגען. די קאָנגרעס.דעלעגאַטען זענען מיטגעריסען גע־וואָרען דורך דער דאָזיגער רעדע, און אַפילו אחד העם האָט זי כאַראַקטערי־זירט אַלס אַ רעדע פון אַ נביא.

די בערוכטען פון די לענדער האָבען שוין גאָר נישט צוגעגעבען צו נאָרדוי׳ס שילדערונג, בלויז אילוסטרירט זי.

צו די צוויי רעדעס זענען נאָך צוגעקומען צוויי פּראָגראַם־רעדעס פון

ד״ר נתן בירנבוים און פון ד״ר דוד פאַרבשטיין. דער ערשטער האָט זיך אָבּ־געשטעלט אויף די קולטורעלע יסודות און אויפגאַבען פון ציוניזם, אָנגעוויזען אויף דער פערגליוועדטקייט פון דער יודישער קולטור אין מזרח־אייראָפּא און אויף איהר לעערקייט אין מערב און מיטעל־אייראָפּא, אויף דער נויט־װענדיגקייט צו בענייען די שפּעפערישע קראַפט פונ׳ם יודישען פאָלק געבענדיג איהם אַ פאָטערלאַנד. דער לעצטער האָט אַנאַליזירט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע יסודות און אויפגאַבען, אָנגעוויזען אויף דער אונגאָרמאַלער סטרוקטור פונ׳ם יודישען פאָלק אי אין מזרח אי אין מערב־אייראָפּא און אויף דער נויטווענ־דיגקייט איבערגעהען צו אַרבייט.

אין די פּיער רעדעס זענען פערבאָרגען געווען כמעט אַלע טעאָרעטישע עלעמענטען, וועלכע האָבען אַזוי שטאַרק בעפרוכפּערט דעם געדאַנקען־גאַנג פון דעם לעצטען דור און זענען ענטוויקעלט געוואָרען צו אַ גאַנצער תורה.

דער קאָנגרעס האָט געמוזט פאָרמולירען דאָס פּראָגראַם פון דער נייער אָרגאַניזאַציע. עס איז נישט געווען קיין לייכטע אויפגאַבע. נישט נאָר דערפאַר ווייל מ׳האָט געמוזט צופּאַסען הערצלס ערשטע לאָזונגען צו די פּאָליטישע בעדינגונגען און מעגליכקייטען, פאָרמולירען זיי אַזוי, אַז מען זאָל קאָנען אַרויסטרעטען מיט זיי פאַר דער וועלט. צווייטענס, האָט מען געמוזט זיך רעכ־נען מיט די חובבי ציון פון רוסלאַנד, וואָס האָבען זיך אָריענטירט אויף דער לאַגע אין טערקיי און אויף דער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל אין איהרע מעגליכקייטען. מען האָט אַפילו נישט געפּרובט צו געברויכען דאָס וואָרט יודענשטאַט, מיט וועלכען הערצל איז אַרויסגעטרעטען. דאָס דאָזיגע שטאָלצע וואָרט איז אַזוי ווי בעהאַלטען געוואָרען אין די קדשי קדשים פון דער בעווע־גונג. ס׳איז געפונען געוואָרען אַנ׳אַנדער וואָרט, דאָס דייטשע וואָרט „הייער שטעטע, וואָס מ׳האָט איבערזעצט שלעכט אויף העברעאיש מקלט (צופלוכטס־אָרט) און שוין אַביסעל בעסער אויף יודיש מיטן וואָרט „היים״. אָבער נישט אַרום דעם האָט זיך צעפלאַקערט דער קאַמף. קיינער האָט נישט געפאָדערט, אַז עס זאָל אַריינגעשטעלט ווערען אין פּראָגראַם דאָס וואָרט יודענשטאַט. אויך נישט הערצל. דער פאָרשלאַג פון דער קאָמיסיע אונטער נאָרדוי׳ס פאָרזיץ האָט פאָרמולירט דעם ערשטען פונקט כמעט אַזוי ווי עס האָבען געפאָדערט די רוסישע חובבי ציון: „אַ רעכטליך געזיכערטע היים״. דאָס האָט געהייסען, אַז עס װעלען געניגען די רעכט, וועלכע טערקיי וועט געבען. די דאָזיגע פאָר־מולירונג האָט אָבער אַרויסגערופען אַ שטאַרקען פּראָטעסט. פּאַביוס שאך און לעאָ מאצקין האָבען געפאָדערט מיטן גאַנצען ברען, אַז אַנשטאָט „רעכטליך״ זאָל מען זאָגען „פעלקעררעכטליך״ ד. ה., אַז די היים זאָל געזיכערט ווערען פעלקער־רעכטליך. דערמיט וואָלט מען פיעל נעהנטער געקומען צו דער ערש־טער פאָרמול פון הערצל. פאַר דער בטוח׳יקער פאָרמול אָבער איז קיין מעהרהייט נישט געווען און הערצל אַליין האָט פאָרגעשלאָגען אַלס קאָמפּראָ־מיס דאָס וואָרט „עפענטליך רעכטליך״. עס האָט געהייסען, אַז די רעכט,

וועלכע מען וועט פֿאָדערן וועלען מוזען זיין עפֿענטליכע, קאָנסטיטוציאָנעלע, אַזוי צו זאָגען. אין דעם דאָזיגען ווערטער־שטרייט האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט די טיפֿע אונטערשידען צווישען פֿערשידענע טיילען פֿון דעם קאָנגרעס, בעזונדערס צווישען דעם טייל, וואָס איז געקומען פֿון די חובבי ציון בעוועגונג, פֿון אחד־העם׳ס חדר, און צווישען די נייע, וואָס זענען געקומען צוזאַמען מיט הערצל׳ן. הערצל׳ס קאָמפּראָמיס־פֿאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען. די אַנדערע פּונקטען פֿון דעם פּראָגראַם, וואָס האָט בעקומען דעם נאָמען באַזעלער פּראָגראַם זענען שוין צוגעגאַנגען לייכט.

דאָס באַזעלער פּראָגראַם איז פֿאָרמולירט געוואָרען אין פֿאָלגענדע פּונקטען;

דער ציוניזם שטרעבט צו שאַפֿען פֿאַר דעם יודישען פֿאָלק אַנ׳עפֿענטליך רעכטליך געזיכערטע היים אין ארץ־ישראל.

דער קאָנגרעס בעשטימט פֿאָלגענדען מיטעל כּדי צו דערגרייכען דאָס דאָזיגע ציעל:

1) די קאָלאָניזאַציע פֿון ארץ־ישראל דורך יודישע לאַנדווירטען, האַנד־ווערקער און אינדוסטריעלער, וואָס זאָל ענטשפּרעכען צום ציעל. 2) די אָרגאַניזאַציע און פֿעראייניגונג פֿון דעם גאַנצען יודישען פֿאָלק דורך פּאַסענדע אינסטיטוציעס, אָרטיגע און אַלגעמיינע לויט די געזעצען פֿון יעדען לאַנד; 3) די פֿערשטאַרקונג פֿונ׳ם יודישען נאַציאָנאַלען געפֿיהל און פֿונ׳ם יודישען נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין; 4) די צוגרייטונגס־אַרבייט אויף צו בעקומען די צושטימונג פֿון די מלוכות, וואָס איז נויטיג כּדי צו דערגרייכען די ציוניסטישע ציעלען.

דאָס דאָזיגע פּראָגראַם האָט פֿעראייניגט דעם גאַנצען קאָנגרעס. דאָס נייע, דאָס פּאָליטישע איז אַראָבגעדריקט געוואָרען אויפֿן לעצטען אָרט, אָבער ס׳איז קלאָר געווען, אַז אין דער דאָזיגער צוגרייטונגס־אַרבייט וועט טאַקי ליגען דער שווערפּונקט פֿון דער טעטיגקייט פֿון דער נייער אָרגאַניזאַציע.

עס זענען אָנגעוואָרפֿען געוואָרען פֿערשידענע פּלענער, צווישען זיי וועגען אַ באַנק און אַ נאַציאָנאַל־פֿאָנד און עס איז געוועלט געוואָרען אַ ברייטערער און ענגערער אַקציאָנס־קאָמיטעט מיט הערצלען בראש. דערמיט האָט זיך געענדיגט דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס. הערצל האָט נאָך איהם געקאָנט שטאָלץ שרייבען אין זיין טאָג־בוך: „היינט האָב איך געלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿונ׳ם יודענשטאַט״.

דריטע לעקציע

די גרויסע התעוררות נאָכן ערשטען קאָנגרעס. — די געגנערשאַפט פון די רייכע און גרויסע, פון דער אָרטאָדאָקסיע אין מערב אייראָפּא און אין רוסלאַנד. — די ציוניסטישע אָרטאָדאָקסיע און איהר שטעלונג. — די נאַציאָנאַלע קריטיק פון דובנאָוו'ן. — די בעציהונג פון סאָציאַליזם. — דער „בונד" און דער גלות נאַציאָנאַליזם. - אחד העם און זיין קריטיק. — דאָס פּראָבלעם פון דער קאָלאָניזאַציע.— דאָס קולטור-פּראָבלעם. — מזרח-ציוניזם און מערב-ציוניזם. — הערצלס פּאָליטישע טעטיגקייט ברענגט ניט די באַלדיגע רעזולטאַטען. — די דייטשע פּאָליטיק און ווילהעלמס רייזע קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און ארץ-ישראל. — הערצלס אָריענטאַציע און בעמיהונגען. — הערצל מוז ווידער אָ קומען צום פאָלק. — ער הויבט אָן צו שאַפען די פינאַנס-עלע אינסטיטוציעס. — די יודישע קאָלאָניאַל-באַנק. - די גרויסע פינאַנסיסטען זאָגען זיך אָב. — דאָס פאָלק ענטפערט. — די סטאַטוטען פון באַנק. — „אָריענט" אָדער סיריען און ארץ-ישראל. — די גרינדער-אקציעס. — דער לאָזונג פון כבוש הקהלות. — די נויטווענדיגקייט פון אַ פּראָגראַם פון ארבייט אין גלות. — די קולטור-ארבייט. — די פּאָזיטיווע בעציהונג צו די יודישע ווערטען. — קיין שום זאַך וואָס איז געגען דת. — דער טייל-ווייזער זיעג אין די קולטור-פראַגען. — דער קאַמף אַרום דער קאָלאָניזאַציע-ארבייט אין ארץ-ישראל. — מאַצקין'ס רייזע און זיין בעריכט. — די נייע פּרינציפּען.—דער זיעג פון די מזרח-ציוניסטען. — צוויי קאָמיסיעס - מעהר אידעאָלאָגישע ווי פּראַקטישע נצחונות.— וואָס דאַרף אייגענטליך געפאָדערט ווערען? — מען חלומט אַלץ וועגען קפיצת הדרך און מען הויבט אָן געהען.

דער ערשטער קאָנגרעס האָט צוגעצויגען גאָר אַ גרויסע אויפמערקזאַמקייט צו זיך. בעזונדערס אָבער האָט ער אויפגערודערט די יודישע געזעלשאַפט קודם כל אין רוסלאַנד און אויך אין די מערב-אייראָפּעישע לענדער. די נייע לאָזונגען און ציעלען זענען אויפן קאָנגרעס אַזוי שאַרף פאָרמולירט געוואָרען, דער אַפּעל צו דער וועלט און צו דעם יודישען פאָלק זענען אַרויסגעזאָגט

געוואָרען מיט אַזאַ גרויסער העזה, אַז זיי האָבען נישט געקאָנט בלייבען אָהן אַנ׳ענטפער. אַחוץ דעם האָט דער קאָנגרעס געשאַפען אַנ׳אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט טאַקי באַלד אויף צו מאָרגענס נאָכן קאָנגרעס אָנגעהויבען צו ענטוויקלען אַ שטאַרקע אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע-אַרבייט אי שריפטליך אי מינדליך. עס זענען דערוועקט געוואָרען די האָפנונגען אויף אַ באַלדיגער אויסלייזונג. הערצל האָט בעוויזען איינצופלאַנצען אַ בלינדע אמונה אין זיינע דיפּלאָמאַטישע בעמיהונגען. די אונטערהאַנדלונגען מיט רעגירונגען, מיט הערשער פון מלוכות האָבען געוועקט גאָר גרויסע האָפנונגען. פאַר דער יודישער געזעלשאַפט אין יענע צייטען, ווען דער מרחק צווישען דעם בירגער און די רעגירונגען, בעזונדערס צווישען דעם יוד, וואָס קומט מיט יודישע פאָדערונגען און צווישען די הערשער, איז געווען געוואַלדיג גרויס — פאַר דער יודישער געזעלשאַפט האָט די עצם עובדה פון אונטערהאַנדלונגען מכח ארץ-ישראל און מלכות ישראל שטאַרק געווירקט אויף דער פאַנטאַזיע און זי צוהיצט. הערצל איז גרויס אויסגעוואַקסען טאַקי אין דער דאָזיגער פאַנטאַזיע און אַרומגערינגעלט געוואָרען מיט געפיהלען פון אמונה, בעוואונדערונג און בעגייסטערונג. זיין אויסזעהען, זיין קעניגליכע געשטאַלט, זיין אויפטרעטען און זיין איבערגעגעבענהייט האָבען בעצוואונגען די הערצער און איהם געמאַכט פאַר דעם פיהרער פון דער בעוועגונג, געגען וועלכען מען האָט נישט לייכט זיך ענטשלאָסען אַרויסצוטרעטען.

דאָך אָבער האָבען נישט געפעהלט קיין געגנער. די רייכע און „גרויסע" יודען האָבען זיך נישט געלאָזט מיטרייסען. לחנם זענען געווען הערצלס אַלע בעמיהונגען. אַפילו ראָטשילד, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו שענקען מיליאָנען פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון ארץ-ישראל, אַפילו ער האָט זיך געהאַלטען פון דערווייטענס. ער האָט געהאַלטען הערצלס שיטה און בעמיהונגען פאַר אַ סכנה פאַרן ישוב. מען טאָר נישט צו הויך רעדען, מען מוז שטיל און פאָרזיכטיג בויען, דאָס איז געווען זיין כלל. ביי דעם דאָזיגען כלל האָבען זיך געהאַלטען ברייטע קרייזען פון די אַמאָליגע חובבי ציון בעזונדערס אין מערב-אייראָפּא, וואָס האָבען נישט געקאָנט משלים זיין מיטן „רעש און געפילדער", מיט קאָנגרעסען און מאַסען-אָרגאַניזאַציעס, מיט דער גאַנצער אָפענקייט פון רעדען און מיט דער עפענטליכקייט, וועלכע הערצל האָט איינגעפיהרט. זיי האָבען געציטערט נישט נאָר פאַרן גורל פונ׳ם ישוב אין ארץ-ישראל, וועלכען די טערקען קאָנען חרוב מאַכען צוליב הערצלס ערקלערונגען און אַגיטאַציע, נאָר אויך און אפשר נאָך מעהר פאַר זייער אייגענעם גורל, פאַר דער בעציהונג צו יודען מצד פון די פעלקער, פאַר דער צוקונפט פון דער גלייכבערעכטיגונג. זי איז דאָך געגעבען אונטערן תנאי פון אַסימילאַציע און פון אונטערגאַנג פונ׳ם יודישען פאָלק, און דאָ קומט הערצל און פראָקלאַמירט אָפען פאַר דער גאַנצער וועלט, בקולי קולות ממש, אַז דאָס יודישע פאָלק לעבט און וויל לעבען מיט אַלע פעלקער צוגלייך, אַז עס איז פונקט אַזאַ פאָלק, ווי אַלע אַנדערע. און צו דעם אַלעם שאַפט ער נאָך אַנ׳אָרגאַניזאַציע, וועלכעס

זיך צו די מאַסען, צו דעם „פעבול" און ענטוויקעלט אַן ענערגישע טעטיגקייט, כדי פאָפולער צו מאַכען זיינע אידעען און צו געווינען פאַר זיי די הערשענדע קרייזען.

אַז זיי אַליין זענען אין דעם שולדיג געווען האָבען זיי, פערשטעהט זיך, נישט געוואָלט און ניט געקאָנט איינזעהען. וואָלטען זיי געהאָלפען הערצל'ן וואָלט ער זיך צום פאָלק ניט געווענדעט. אָבער זיי האָבען געוואָלט, אַז הערצל, ניט בעקומענדיג זייער הילף, זאָל זיך אָבזאָגען פון זיינע אידעען. דאָס איז ניט געשעהען, און דאָס האָט טאַקי פערשאַרפט זייער געגנערשאַפט. באַלד זענען אַרויסגעטרעטען די גייסטיגע פערטרעטער זייערע, די מערב-אייראָפּעאישע רבנים און האָבען פעראורטיילט דעם ציוניזם און הערצל'ס אַרבייט, ערקלעהרענדיג, אַז זיינע אידעען זענען סותר דעם יודאַיזם און זיינע דערהויבענע אידעאַלען, אַז די יודען לעבען בלויז צוליעב זייער שליחות, זייער מיסיע צו פערשפרייטען דעם מאָנאָטעאיזם, דעם ריינעם גלויבען און איינאיינציגען גאָט. דער קלאַפּ פון דער דאָזיגער זייט אין פאַר הערצל'ן געווען גאָר שווער, ווארום ער האָט דאָך געגלויבט, אַז די דאָזיגע היטער פון יודאַיזם און פון זיינע הויכע אידעאַלען וועלען זיין די ערשטע, וואָס וועלען פיהרען דאָס פאָלק אויפן נייעם וועג. עס האָט ניט געהאָלפען זיין פייערליכע ערקלעהרונג, אַז דער ציוניזם איז דער צוריקקעהר צום יודאַיזם פאַר דעם ריקקעהר צו דעם יודישען לאַנד.

אויך צווישען די מזרח-אייראָפּעאישע רבנים זענען ענטשטאַנען גרויסע געגנער פון ציוניזם. זיי וואָלטען גערן געוואָלט זעהען אין הערצל'ן דעם פיהרער, אָבער זייער תנאי איז געווען, אַז דער ציוניזם זאָל זיך שטעלען מ'ט ביידע פיס, אַזוי צו זאָגען, אויפן באָדען פון דער תורה און פונ'ם דין, זאָל אָנערקענען זייער גייסטיגע פיהרערשאַפט און ניט אָנקניפּען אָן דער אַפיקורסישער השכלה און לאומיות. זיי האָבען געוואָלט, אַז דער ציוניזם זאָל בעקומען אַ רעליגיעזע בעפאַרבונג, און זיי, די אָרטאָדאָקסישע רבנים, זאָלען ווערען זיינע גייסטיגע פיהרער. הערצל'ס ערקלעהרונג, אַז אין ציוניזם איז דאָ אָרט פאַר רעליגיעזע מענשען און פאַר פרייע, אַז דער ציוניזם ריהרט נישט אָן די רעליגיעזע פראַגען, אַז אמונה איז אַ פּריוואַטער ענין פון יעדען יחיד האָט זיי ניט געקאָנט צופרידען שטעלען. אַדרבא זיי האָבען געוואָלט איינשפּאַנען דעם ציוניזם אין דעם רייטוואָגען פון דעם רעליגיעזען יודענטום. איז דאָס ניט געלונגען, זענען זיי געוואָרען דם שונאים פון דער נייער בעוועגונג און ענטוויקעלט אַ ברייטע און שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע געגען איהר. דאָך האָט עס ניט געהאָלפען און גאַנץ ברייטע קרייזען פון דער אָרטאָדאָקסיע צוזאַמען מיט זייערע רבנים זענען מיטגעריסען געוואָרען דורכן ציוניזם און האבען אָנגעהויבען זוכען אַ סינטעז צווישען ציוניזם און דער יודישער רעליגיעזער טראַדיציע.

די געגנערשאַפט פון לינקס איז צוזיפגעמישט געוואָרען מיט ביטול.
דער יודישער ליבעראַליזם און סאָציאַליזם האָט קודם כל נישט געוואָלט גלוי-בען אין דער מעגליכקייט פון דער פערווירקליכונג פונ׳ם ציוניזם. אַ חוץ דעם האָט ער געזעהען אין איהם אַ רעאַקציאָנערע געפאַהר, וואָרום ער רייסט אָב די יודישע מאַסען פון דער ווירקליכקייט אין די מאַסען-לענדער און רעקט אין זיי שעדליכע אילוזיעס וועגען אויסלייזען זיך פון גלות. זיי האָבען דאָך ניט געקאָנט גובר זיין די בעפרייאונגס-מאָמענטען, וואָס האָבען געבילדעט דעם עיקר פון ציוניזם און האָבען ניט פערמאָגט צו ענטפערען אויף זיי מיט אַ ביטול. עס איז שאַרף געשטעלט געוואָרען אויפן ערשטען קאָנגרעס די פראַ-גע: צי איז דאָ אַ יודיש פאָלק און אויב ס׳איז דאָ, וואָס, ווער, וואָס דאַרף זיין זיין גורל. דער בונד פון איין זייט און די נאַציאָנאַל-דעמאָקראַטישע אינ-טעליגענץ פון דער אַנדערער, האָט געזוכט אַנ׳אויסגאַנג פון דער דאָזיגער לאַגע און האָבען געפונען דעם נאַציאָנאַליזם אין גלות. ש. דובנאָוו, וואָס האָט אין יענע צייטען נאָך דער עיקר זיך בעשעפטיגט מיט פובליציסטיק אין דער רוסיש-יודישער ליטעראַטור, האָט ענטוויקעלט אַ טעאָריע פונ׳ם גייסטיגען יודישען נאַציאָנאַליזם, פון דער מעגליכקייט, אַז יודען זאָלען אויך אין גלות קאָנען שאַפען נאַציאָנאַלע פאָרמען פאַר זייער לעבען. ער האָט אין גאַנצען אָבגעוואָרפען די טעאָריע פון עמאַנסיפּאַציע אויפן יסוד פון אַסימילירען זיך און בלייבען בלויז אַ רעליגיעזע געמיינשאַפט, אָבער ער האָט געלייקענט די נויטווענדיגקייט צו קאָנצענטרירען דאָס פאָלק אין איין לאַנד, אום צו שאַפען אַ נאָרמאַל פריי פאָלקס-לעבען. נישט גלויבענדיג אין דעם האָט ער אַנטקע-גענגעשטעלט אַ אידעאַל פון אַ נאַציאָנאַל גייסטיג לעבען אין אַלע לענדער פון גלות.

פאַר דעם דאָזיגען אידעאַל האָט זיך אָנגעכאַפּט דער יודישער סאָציאַ-ליזם, בעזונדערס דער „בונד". דערצו האָט צוגעהאָלפען דער אומשטאַנד, וואָס אין דער עסטרייכישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, בעזונדערס אין איהר דייטשען טייל, וואָס האָט געוואָלט ראַטעווען דאָס עסטרייכישע רייך פון צערפאַל אונ-טער דער ווירקונג פון נאַציאָנאַלען סעפּאַראַטיזם פון די עסטרייכישע פעל-קער, האָבען זיך אונגעהויבען ענטוויקלען אידעען וועגען אָבררייסען דאָס גייס-טיגע נאַציאָנאַלע לעבען פון דעם טעריטאָריאַל עקאָנאָמישען צוזאַמענהאַנג און שאַפען פאַר איהם בעזונדערע נאַציאָנאַל-פּאָליטישע פאָרמען. דער „בונד" האָט נאָך אַ לאַנגען אינערלעכען קאַמף געשטעלט זיך אויפן באָדען פון דעם יודישן גלות-נאַציאָנאַליזען.

אַזוי האָט דער ערשטער קאָנגרעס מיט זיינע לאָזונגען און אידעען אויפגעוועקט דעם יודישען געדאַנק די אָרגאַניזירטע טעטיגקייט, וואָס איז נאָך איהם געקומען, האָט געצוואונגען ברייטע קרייזען פונם פאָלק צו רעווידירען זייערע אָנשויאונגען און פראָגראַמען און צו פאָרמולירען זייערע שטרעבונגען,

אָריענטירענדיג זיך אויפן ציוניזם אָדער געגען איהם. דער ציוניזם איז געוואָרן באַלד טאַקע דער צענטראַלער פּונקט, אַרום וועלכען עס האָבען זיך אונגעהויבען וועבען און קריסטאַליזירען געדאַנקען און שטרעבונגען. אַרום דעם ציוניזם האָט זיך אנגעהויבען צו ענטוויקלען אַ פּרוכטבאַרער און שעפּפערישער געזעלשאַפטליכער קאַמף, דער עיקר פון געדאַנקען. צו אַנ׳אַנדערען איז נאָך געוועזען צו פריה.

אויך אין דער ציוניסטישער בעוועגונג האָבען הערצלס נייע געדאַנקען פון מעטאָדען געוועקט דעם געדאַנק, פערטריבען די פערגליווערונג. די גרויפּען פון די אַלטע חובבי ציון, וואָס זענען בעאיינפלוסט געוואָרן פון אחד־העמ׳ן, האָבען שטאַרק געצווייפעלט אין דעם ערפאָלג פון די נייע דיפּלאָמאַטישע מעטאָדען און האָבען חושד געוועזען, אַז דאָס צובינדען די נייע שיטה צו ארץ ישראל איז בלויז אַ צייטווייליקע כל זמן מען גלויבט, אַז דער פּלאַן צו שאַפען אַ יידישע מדינה אין א״י וועט געלונגען. ווי נור דער דאָזיקער גלויבען וועט פערשווינדען, וועט די דאָזיגע צוגעבונדענקייט איבערגעריסען ווערען. זיי האָבען ניט געקאָנט פערשטעהען און צולאָזען, אַז די גאַנצע טעטיגקייט זאָל בעגרענעצט ווערען בלויז אין דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען, און די קאָלאָניזאַטאָרישע טעטיגקייט אין א״י זאָל לגמרי ניט געפיהרט ווערען. זיי האָבען נאָך געהאָפט, אַז די נייע מענשען וועלען פערשטאַרקען די כחות און פערגרעסערען די מיטלען אין דער קאָלאָניזאַציע אַרבייט. און אַחוץ דעם האָט זיי גאַנץ אונאַנגענעם בעריהרט די קולטורעלע פרעמדקייט פון די נייע מענשען, זייער איגנאָרירען די קולטורעלע אַרבייט, די יודישע קולטורעלע ווערטען, די העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור. זיי האָבען נישט געקאָנט פערשטעהען דעם ציוניזם אָהן דער דאָזיגער קולטורעלער באַנייאונג אָהן דעם קולטורעלען אויפלעבען, אָהן דער תחית הלשון והתרבות, ווי עס הייסט אויף העברעאיש.

אחד העם איז געוועזען דער, וואָס האָט געגעבען דעם שאַרפסטען אויסדרוק פון די דאָזיגע געדאַנקען און שטרעבונגען. דער רוב פון זיינע אָנהענגער זענען ניט געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי ער, דאָך אָבער האָבען זיי געשטעלט הערצל׳ן גאַנץ בעשטימטע פאָדערונגען מכח קאָלאָניזאַטאָרישער און קולטורעלער טעטיגקייט. אינם ציוניזם איז באַלד פון אָנהויב געקומען צו אַ טיילונג צווישען די ציוניסטען, וואָס האָבען אָנגענומען די שיטה פון הערצלן אָהן שום אָנווענדונגען. און צווישען די, וואָס האָבען איינגעשטימט צו דעם נייעם שוואונג און צו די נייע מעטאָדען, וועלכע הערצל האָט איינגעפיהרט, אָבער האָבען זיך בעמיהט איהם צו בעאיינפלוסען, אַז ער זאָל אויך געהען אין דער ריכטונג פון אָרגאַנישער אַרבייט, פון צוגרייטונג פון פאָלק און פון לאַנד.

הערצל האָט אָבער געגלויבט אין קפיצת הדרך. ער האָט ניט געגלויבט, אַז דער וועג פון אָרגאַנישער אַרבייט, פון קאָלאָניזאַציע און ערציהונג פון

פאָלק וועט ברענגען צום ציעל. דער דאָזיגער וועג איז פאַר איהם געווען צו לאַנג. ער האָט געוואָלט בעקומען אין פאָראויס די מעגליכסט ברייטסטע דעכט און דאַן ערשט אָנהויבען די ברייטע קאָלאָניזאַציע אַרבייט, דעם אָרגאַניזירטען עקזאָדוס. ער האָט אונערמידליך געזוכט פערבינדונגען אָנגעקניפט בעציהונגען מיט רעגירונגען און פאָליטיש-איינפלוסרייכע מענשען. אינם יאָהר צווישען דעם ערשטען און דעם צווייטען קאָנגרעס איז איהם נישט געלונגען אויפצוטהון עפּעס גרעסערעס אויף דעם געביעט. נישט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, נישט אין אַנדערע לענדער. צום סוף פון דעם דאָזיגען פעריאָד האָט ער אָנגעהויבען זיך צו בעמיהען אין אַ גאַנץ בעשטימטער ריכטונג. ער האָט זיך אָנגעהויבען אָריענטירען אויף דייטשלאַנד, בעזונדערס אויפ׳ן דייטשען קייזער, ווילהעלם דעם צווייטען.

צום סוף פון XIX יאָהרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבען די אַקטיווע דייטשע פּאָליטיק אין טערקיי און אין ארץ-ישראל. די דייטשע פריינדשאַפט צו טערקיי איז מאַניפעסטירט געוואָרען ביי יעדער געלעגענהייט. אַפילו בשעת די גרויסע אַרמענישע פּאָגראָמען האָט דייטשלאַנד אַזוי ווי אָבגערוקט זיך פון גאַנץ אייראָפּא, וואָס האָט מיט איין קול פעראורטיילט מיט דער גרעסטער ענטריסטונג די דאָזיגע רציחות. דער טערקישער סולטאַן איז אַזוי ווי ערקלערט געוואָרען פאַר אַ בלוטדורכשטיגען טיראַן, וואָס שטעהט אייגענטליך אויסערהאַלב דער ציוויליזירטער הערשער משפחה. ווילהעלם האָט זיך דערמיט ניט גערעכענט. ער האָט זיך אָנגעהויבען קלייבען אָבצושטאַטען אַ וויזיט דעם טערקישען סולטאַן און דערביי אָבריכטען אַ פּילגעשאַפט צו די הייליגע ערטער אין א״י. הערצל האָט אָנגעהויבען צו שפינען פּלענער ווי אַזוי אויסצונוצען די דאָזיגע געלעגענהייט. ער האָט געוואוסט, אַז ווילהעלם׳ס פּלענער מכח א״י בעאונרוהיגען שטאַרק אַלע אַנדערע מלוכות און האָט אָנגעהויבען צו מאַכען שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדא פאַרן געדאַנק, אַז קיין שום אייראָפּעאישע מאַכט קאָן ניט בעפעסטיגען זיך אין א״י, אַז דאָס דאָזיגע לאַנד מוז איבערגעגעבען ווערען די יודען, כדי עס זאָל ניט קומען צו קיין אייראָפּעאישער מלחמה. פון דער אַנדערער זייט האָט ער אָנגעהויבען זיך צו בעמיהען צו בעקומען אַנ׳אודיענץ ביים קייזער ווילהעלם, כדי איהם צו געווינען פאַר זיינע אידעען און פּלענער.

אינצווישען אָבער האָט געמוזט פאָרקומען – סוף אויגוסט 1898 – דער צווייטער קאָנגרעס. ער האָט געוואָלט פאָרקומען אין לאָנדאָן, אָבער צוליב שטערונגען מצד געוויסע יודישע קרייזען איז ער ווידער פאָרגעקומען אין באַזעל. הערצל איז געקומען צום קאָנגרעס מיט אַ פערשטאַרקטער אָרגאַניזאַציע, מיט דעם פּלאַן צו גרינדען די קאָלאָניאַל-באַנק און מיטן לאָזונג איינצונעהמען די קהלות. די דאָזיגע ביידע אויפטהועכצען זענען געווען וויכטיגע טריט אויפן וועג פון אָרגאַנישער אַרבייט.

אין זיין פּאָליטישער אַרבייט האָט זיך הערצל באַלד איבערצייגט, אַז אויסער אידעען און פּלענער מוז ער האָבען פינאַנציעלע מאַכט. איז דאָך זיין פּלאַן צו געווינען די טערקיי געבויט געווען אויף פינאַנציעלע טובות, וועלכע ער וועט טהון דער טערקישער מלוכה. אָבער די יודישע פינאַנץ פּאַטענטאַטען זענען געבליבען טויב, און די שענסטע רייד און אַרגומענטען פון הערצלן זענען ניט אומשטאַנד געווען זיי צו ריהרען פון אָרט. אויפן צווייטען קאָנגרעס האָט נאָרדוי טאַקי אין זיין רעדע מיט שאַרפע ווערטער אָבגעשטעמפּעלט די „אויך יודען" „בויך יודען" און אַרויסגעטרעטען גאָר שאַרף געגען די רייכע יודען, וואָס האָבען נישט קיין אויערען פאַר יודישע צרות און קיין אויגען צו זעהען דעם ריכטיגען וועג, ווי אַזוי צו ראַטעווען די יודען. הערצל אָבער האָט געוואָלט בעווייזען, אַז מען קאָן זיך בעגעהען אָהן זיי. ער האָט אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן פון אַ באַנק אָהן פינאַנציעלע פּאַטענטאַטען, פון אַ פאָלקס-באַנק. ער האָט זיך נאָך פאַר'ן קאָנגרעס געווענדעט צום פאָלק און דורכגעפיהרט אַ פּראָבע-סובסקריפּציע, וועלכע האָט געגעבען גאָר גלענצענדע רעזולטאַטען. יודען אין רוסלאַנד און פּוילען און בכלל אין מזרח-אייראָפּא האָבען זיך מיט ענטוזיאַזם פערשריבען אויף צו קויפען די אַקציעס, וואָס האָבען געדאַרפט קאָסטען בלויז צו אַ פונט — צעהן רובעל. עס האָט זיך געקאָנט דוכטען, אַז דער קאַפּיטאַל פון צוויי מיליאָן פונט וועט אָהן שוועריגקייטען געדעקט ווערען.

אויפ'ן קאָנגרעס האָט דער דאָזיגער פּלאַן אַרויסגערופען ענטוזיאַזם, אָבער אויך גרויסע דעבאַטען. ערשטענס די פראַגע וועגען דעם טעטיגקייטס-אַרט. הערצל האָט נישט געוואָלט אָנווייזען דעם טערקישען סולטאַן, אַז דער ציוניזם איז צוגעבונדען צו ארץ-ישראל. דעריבער האָט ער געוואָלט בענוצען דאָס אַלגעמיינע וואָרט „אָריענט". עס קאָן, הייסט עס, זיין ארץ-ישראל אָבער עס קאָן אויך זיין אַנ'אַנדער אָרט אין מזרח. די מזרח-ציוניסטען האָבען אין דעם געזעהען אַ בעווייז, אַז פאַר הערצל'ן איז ארץ-ישראל לאו דוקא און האָבען זיך אַנטקעגענגעשטעלט. זיי האָבען געזיעגט: עס איז געבליבען „סיריען און פּאַלעסטינא". דער צווייטער מאָמענט איז געווען, ווי אַזוי צו זיכערען דעם ציוניסטישען איינפלוס אין דער באַנק. ס'איז אויסגעאַרבייט געוואָרען אַ גאַנץ קאָמפּליצירטער סיסטעם פון נאָמענטליכע אַקציעס און אַרום זייער פערטיילונג האָט אויסגעבראָכען אַ קאָנפליקט, וואָס האָט געפונען זיין לעזונג ערשט אויפן דריטען קאָנגרעס.

דער צווייטער מאָמענט: דאָס איינגעהמען די קהילות איז אַרויסגערוקט געוואָרען פון הערצלן און זיין ערעפנונגס-רעדע. די אָפיציעלע פערטרעטער פון די יודישע געמיינשאַפטען טרעטען אַרויס געגען דעם ציוניזם, ווען מען ווענדעט זיך צו זיי מיט פראַגען מצד פון די רעגירונגען. מען מוז דעריבער ענדערען די דאָזיגע פערטרעטונגען, זיי זאָלען ניט שטערען נאָר העלפען.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס מוזען זיך אַלזאָ שטעלען אַלס ציעל צו עראָ־בערען די קהלות. הערצל האָט זיך גאָר ניט אָבגעגעבען קיין דין וחשבון, צו וועלכע קאָנסעקווענצען אַזאַ לאָזונג וועט ברענגען. ער האָט עס פערשטאַ־נען איינפאַך: עס וועלען קומען אין די פאָרשטעהערשאַפטען פון די קהלות ציוניסטען. אָבער אַז צוליעב דעם וועלען די ציוניסטען מוזען אויסאַרבייטען אַ נייען פראָגראַם פון די טעטיגקייט פון די קהלות, אַז זיי וועלען מוזען זוכען נייע אַנטוואָרטען אויף פראָבלעמען פון יודישען לעבען, דאָס איז פאַר איהם געווען גאַנץ אונקלאָר. מען האָט דעם דאָזיגען שריט געמאַכט, ניט וויסענדיג, אַז דערמיט שטעלט מען זיך אויפן וועג, וועלכער האָט געפיהרט צו דעם געגענוואַרטס־פראָגראַם אין ציוניזם, וואָס האָט ניט געקאָנט זיין אַנדערש ווי נאַציאָנאַל און דעמאָקראַטיש און אויף אַזאַ אויפן האָט מען אויך פון דער ציוניסטישער זייט אָנגעהויבען זוכען דעם סינטעז צווישען ציוניזם וואָס גרייט צו און אָרגאַניזירט דעם עקזאָדוס, און צווישען דעם נאַציאָנאַליזם, וואָס וויל פערזיכערען פאַר יודען נייע מעגליכקייטען און פאָר־מען פון לעבען אין גלות טאַקי.

כדי צו בעפרידיגען די קרייזען, וועלכע האָבען געפאָדערט קולטור אַרבייט, פאָזיטיווע בעציהונג צו די קולטורעלע ווערטען פון יודישקייט, איז אויסגעשטעלט געוואָרען ראַבינער ד״ר גאסטער, וואָס האָט אין אַ גלענצענ־דער לויט איהר פאָרם רעדע אַרומגערעדט דעם קולטורעלען ווערט פון ציוניזם. אויך די בעציהונג צו די רעליגיעזע ווערטען איז פאָרמולירט געוואָרען פאָזיטיוו, אָבער נור אין דער אידעע, להלכה און נישט למעשה. אָבער די קרייזען פון מזרח ציוניסטען פון דער אחד־העמישער שולע האָבען געפאָדערט נישט געדאַנקען און גלענצענדע פראַזען, נאָר טעטיגקייט, אַנ׳אַרבייטס פלאַן. דאָס זעלבע די רעליגיעזע עלעמענטען. זיי האָבען געפאָדערט אָבצוזאָגען זיך פון נייטראַליטעט בנוגע דעם דין. און דאָס איז אויך געגעבען געוואָרען אָבער נור טיילוויז, עס איז אויסגעוועהלט געוואָרען אַ בעזונדערע קאָמיסיע, וואָס האָט געדאַרפט אָנפיהרען מיט דער אַרבייט אויף צו פערשפרייטען די העברע־אישע שפראַך. מען האָט אָבער געפיהלט, אז די רעדע, די בעשלוסען זענען בלויז אויף צו בערוהיגען די געמיטער. בנוגע די רעליגיעזע פאָדערונגען איז צוגעגעבען געוואָרען צו די ערקלעהרונגען פון ערשטען קאָנגרעס, אַז דער ציוניזם וועט גאָרניט אונטערנעהמען וואָס איז געגען יודישען דת און דין. דאָס איז געווען אַ וויכטיגער נצחון אָבער וייט נישט דאָס אַנערקענען דעם דין, ווי עס האָבען געפאָדערט די רעליגיעזע עלעמענטען.

ערנסטער איז געווען די בעציהונג צו דעם קאָלאָניזאַציע פראָבלעם. די חובבי ציון, וואָס זענען צוגעשטאַנען צו דעם ציוניזם. האָבען ניט געוואָלט אָבשטעלען די קאָלאָניזאַציע אַרבייט. די רוסישע חובבי ציון האָבען דערצו געהאַט, ווי בעוואוסט, דעם אָדעסער קאָמיטעט. אין גאַליציען האָט דוקא דער

ציוניזם אַרויסגערופען די גרינדונג פון אַ גאַליציאַנישער קאָלאָניע מחנים. דער לעצטער שריט האָט אַרויסגערופען אַ קליינעם קאָנפליקט. הערצל איז געווען שאַרף געגען יעדער קאָלאָניזאַציע־אַרבייט אָהן בעזונדערע רעכט, געגען „אַריינגנב'ענען" זיך. כּדי צו בעגרינדען זיין מיינונג און אויספאָרשען די לאַגע אין א"י איז געשיקט געוואָרען לעא מאצקין דער פערטרעטער פון יענער ציוניסטישער יוגענד, וועלכע האָט נאָך פאַר הערצל'ן געטרוימט וועגען אַ גרויסצוגיגען ציוניזם און געזעהען אין דער בעוועגונג און אין הערצלס נייע מעטאָדען די פערקערפערונג פון איהרע חלומות.

דער דין וחשבון, וועלכען מאצקין האָט אָבגעגעבען איז געווען אַ טרויריגער. אַ הייפעל יודען איז געזעסען אין וועניגע קאָלאָניעס. זייער לאַגע איז געווען ניט זיכער. ראָטשילד און די חובבי ציון האָבען זיי געשטיצט. די אַרבייטער זענען געווען אַראַבישע, און עס האָט געשיינט, אַז די פּערספּעקטיווען זענען גאָר האָפנונגסלאָזע. די קריטיק איז געווען אַ שאַרפע, אָבער ניט שאַרפער ווי די פריהערדיגע קריטיק פון אחד־העם. זי איז אָבער אַרויסגעזאָגט געוואָרען פון אַ טריבונע, פון וועלכער מען האָט גערעדט צו דער גאַנצער וועלט, נישט נור די יודען. און דער אויספיהר איז געווען, אַז ס'איז גאָר אומעגליך צו פיהרען אַ קאָלאָניזאַציע אין גרויסען מאַסשטאַב אָהן רעכט צו קאָלאָניזירען און צו בויען. דערמיט אָבער זענען די רוסישע ציוניסטען געווען אונצופריעדען. זיי האָבען פאַרן קאָנגרעס אָבגעהאַלטען אַ קאָנפערענץ אין וואַרשא און אָרגאַניזירט זיך צום קאַמף פאַר זייערע אידעען פון אָרגאַנישער אַרבייט. זייערע פאָדערונגען זענען דורכגעדרונגען געווען מיטן גייסט פון אחד־העם, הגם ער אַליין איז ניט געקומען אויפן קאָנגרעס און בכלל אָבגערוקט זיך פון דער אָרגאַניזאַציע. איהם האָט הערצל ניט בעצויבערט און זיין פאָזיטיווער און שאַרפער שכל האָט געזעהען די פאַלשע זייטען פון די נייע מעטאָדען און ניט אויפגעהערט צו וואָרנען פאַר זיי.

און ווידער האָבען די מזרח ציוניסטען געזיעגט אויף דער העלפט. ס'איז אויסגעקליבען געוואָרען אַ פאַלעסטינא קאָמיסיע, ס'איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען דער ווונש, אַז כּל זמן עס זענען נישטאָ קיין רעכט צו קאָלאָניזירען, אַריינצופיהרען גרויסע מאַסען יודען פון גלות, זאָל מען בעזעצען אין לאַגד ווירטשאַפטליכע קאָלאָניעס ארץ־ישראל יודען אָדער טערקישע יודען. עס איז אָבער געווען קלאָר, אַז די קאָמיסיע וועט ניט אַרבייטען, אַז מען ווייס אייגענטליך ניט, צי דאַרף מען וואַרטען מיט דער קאָלאָניזאַציע אויף רעכט צו שאַפען די„ עפענטליך רעכטליך געשיצטע היים", צי ווילען גענינען אַנדערע קלענערע רעכט. עס האָבען געפעהלט די אינסטרומענטען פאַר דער דאָזיגער אַרבייט: עס איז ערשט געגרינדעט געוואָרען די קאָלאָניאַל באַנק, וואָס האָט זיך געשטעלט קאָלאָניזאטאָרשע ציעלען, און איהרע גרינדער האָבען געוואָלט נעהמען אַלס ביישפּיעל די טעטיגקייט פון דער דייטשער באַנק,

װעלכע האָט קאָלאָניזירט דײַטשע פּױערן אין די פּױלישע פּראָװינצן פון פּרײסן. זי האָט נאָך ניט געהאַט דעם נױטיגן קאַפּיטאַל און איהר סטאַ־טוט איז נאָך ניט בעשטעטיגט געװאָרען. די באַנק־קאָמיסיע, װאָס איז גע־װעהלט געװאָרען דערצו, האָט בעקומען די אױפגאַבע דאָס אַלץ צוצוגרײטען, און דער דריטער קאָנגרעס האָט געדאַרפט אין דער הינזיכט ערשט ענטשײדען.

אײנס איז געװאָרען קלאָר אױפן צװײטען קאָנגרעס: דער ציוניזם האָט זיך ניט בעגנוגענט מיט דיפּלאָמאַטישער אַרבײט. הערצל אַלײן איז צוגע־טרעטען צו דער שאַפונג פון די נױטיגע אינסטרומענטען, כדי גרײט צו זײן צו דעם גרױסען טאָג, װען ער װעט בעקומען די געװינשטע רעכט. ער האָט נאָך ניט געװאוסט, װאָס װעלען דאָס זײן פאַר אַ רעכט, אָבער ער האָט פערשטאַנען, אַז אַ גרױסע בעװעגונג קאָן ניט עקזיסטירען בלױז מיט װאַר־טען אױף פּאָליטישע נצחונות. אַז אַ חוץ אידעען מוז זי בילדען אַ קראַפט און דערפאַר האָט ער געזאָרגט, אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל בעקומען ניט נור נײע אידעען און לאָזונגען, נאָר אױך אַרבײט. און אַזױ האָט דער ציוניזם שטרעבענדיג צו אַ קפיצת הדרך אונגעהױבען אײנפאַך ג ע ה ע ן צום ציעל.

פיערטע לעקציע

די אָריענטאַציע אויף דייטשלאַנד. — די האָפנונג אויף דער געניאַליטעט און גרויסקייט פון קייזער ווילהעלם דעם צווייטען. — דער פלאַן אויסצונוצען זיין רייזע קיין טערקיי און ארץ-ישראל. — די גינסטיגע בעציהונג פונ'ם דייטשען געזאַנדטען און וויען פערשטאַרקען די דאָזיגע האָפנונגען. — די רעדע אין לאָנדאָן. — די איינלאַדונג קיין ארץ-ישראל. — באַדענהיימער פרובט צו קאָנקרעטיזירען די פאָדערונגען. — הערצל פאָדערט אָבער ווי איינס אַ געזעלשאַפט אויף צו קויפען לאַנד אונטערן דייטשען פראָטעקטאָראַט. — דער ווידערשטאַנד פון אויסערן מיניסטער בילאָוו. — די אוידיענץ אין קאָנסטאַנטינאָפאָל. — די אוידיענץ אין ירושלים. — דער פערפעהלטער צווייטער נאָוועמבער 1898. — אומזיסטע ווייטערע בעמיהונגען. — דער געדאַנק צו אָריענטירען זיך אויף ענגלאַנד. — די קאָל-באַנק ווערט געגרינדעט אין ענגלאַנד. — דער שלום-פאָרשלאַג פון רוסישען קייזער און הערצל'ס אומזיסטע בעמיהונגען צוצוקומען צו איהם. — די שלום-קאָנפערענץ אין האַג. — דער געדאַנק וועגען טשארטער. — הערצל פאָרמולירט איהם אין זיין עפנונגס-רעדע אויפן דריטען קאָנגרעס. — דאָס איז דאָס נאָהענטסטע ציעל. — נאָרדוי גיעט דעם פירוש. — מינדערהייט און מעהרהייט. — די בעוועגונג נעמט אויף דעם דאָזיגען געדאַנק. — די דעבאַטען אַרום איהם. — די בעוועגונג איז גרייט צו וואַרטען. — די אונגעדולד פון די פיהרער. — דער טיעפער חשד. — די דעבאַטען אַרום די באַנק-סטאַטוטען. — די ערשטע אָפּאָזיציאָנעלע בעשולדיגונגען און מאַצקינס רעדע. — טרייטש'ס פלאַן וועגען בענוצען ציפערן. — מען וויל איהם ניט הערען. — זאָל זיך די בעוועגונג שפּיעלען. — די קולטורעלע פאָדערונגען. — פאַר דער בעוועגונג איז דאָס שפּיעל ערנסט.

באַלד נאָכן צווייטען קאָנגרעס האָט הערצל אָנגעהויבען אַ פיבערהאַפטע דיפּלאָמאַטישע טעטיגקייט, אום צו פערווירקליכען זיין פלאַן וועגען געווינען

ווילהעלם דעם צווייטען און דייטשלאַנד, און ברענגען זיי דערצו, אַז זיי זאָלען איבערנעהמען דעם פּראָטעקטאָראַט איבער דער יודישער קאָלאָניזאַציע און איינוואַנדערונג אין ארץ-ישראל. אין משך פון דער דאָזיגער טעטיגקייט זענען געווען מאָמענטען, ווען הערצל'ן האָט זיך געדוכט, אַז אָט נאָך אַ בעמיהונג, נאָך אַנ'אָנשטרענגונג, און ער דערגרייכט זיין ציעל, און דער עקזאָדוס, די יציאת-אייראָפּא, וועט זיך אָנהויבען און צוזאַמען מיט איהר דער בנין פון דער „עפענטליך רעכטליך געזיכערטער היים", פונ'ם יודענשטאַאט. און אַזוי גרויס איז ביי איהם געווען די דאָזיגע זיכערקייט, אַז אין אַ רעדע אין לאָנדאָן צו דער דאָזיגער צייט האָט ער זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען און האָט געטיילט זיך מיט די צוהערער מיט זיינע גרויסע האָפנונגען, מיט זיין זיכערקייט.

הערצל האָט איבערטריבען. ער האָט אָנגענומען געשפּרעכען, אַרויס געזאָגטע מיינונגען, צייכענס פון לייטזעליגקייט אַלס פּאָליטישע עובדות. ער האָט ווייניג אָדער גאָרניט גענומען אין בעטראַכט דעם קנויל פון בעציהונגען, אינטערעסען און בעדינגונגען, וואָס שטערען צו מאַכען גרויסע און געוואַגטע טריט, וואָס זענען אייגענטליך ערשט עקספּערימענטען, אַ מין שפּרונג אין אַ אונבעקאַנטער וועלט. אַזעלכע עקספּערימענטען מאַכט מען בלויז אין מאָמענטען פון גרויסע געפאַהרען, ווען מען מוז אַ סך ריזיקירען, בעת מלחמות און רעוואָלוציעס. אָבער די צייט ,ווען הערצל האָט ענטוויקעלט זיין טעטיגקייט, איז געווען אַ רוהיגע, הגם שווערע וואָלקענס האָבען בעדעקט דעם הימעל, און דאָ און דאָרט האָט אויסגעבראָכען אויף אַ מאָמענט אַ שטורם, — אַנ'אָנזאָג וועגען דער קומענדיגען געוויטער. קיינער אָבער האָט ניט געוואַגט צושטערען דאָס גלייכגעוויכט פון די כחות, וואָס האָט זיך קוים מיט צרות געהאַלטען.

הערצל האָט געמיינט, אַז ווילהעלם דער צווייטער איז דער געניאַלער מענש, וואָס וועט זיך לאָזען מיטרייסען דורך דער גרויסקייט און דערהויבענקייט פון זיין פּלאַן און וועט וואַגען צו מאַכען אַ שריט, וואָס וועט איהם געבען נייע כחות אין זיין מאַרש אויף צו ווערען די ענטשיידענדע וועלטקראַפט צווישען די מלוכות. מיינונגען און אויסערונגען פון דעם דייטשען געזאַנדטען אין וויען האָבען אין איהם געוועקט און פערשטאַרקט די דאָזיגע האָפנונגען. דאָס זעלבע די הילף פונ'ם באַדענער גרויספירשט, אין וועלכער ער איז געווען זיכער. און זיין פּלאַן האָט דאָך געדאַרפט צובינדען צו דייטשלאַנד ניט נור די יודען, נאָר די פערשטאַרקטע דורך יודען טערקיי, איבערגעבען אין דייטשלאַנד'ס הענד די וועגען קיין אינדיען, בעזעצען אויף די דאָזיגע וועגען אַ פאָלק, וואָס זאָל אַלץ האָבען צו פערדאַנקען דייטשלאַנד און דעם קייזער ווילהעלם. און די יודען זענען דאָך, האָט ער געטראַכט און געזאָגט, אייגענטליך אַזוי קולטורעל נאָהענט צו די דייטשען, האָבען דאָך

אַזוי פיעל איינגעזאַפּט אין זיך פון דער דייטשער קולטור, אַפילו די שפּראַך, וועלכע דאָס פאָלק רעדט אין גאַנץ מזרח־אייראָפּא, איז דאָך פון דייטשער אָבשטאַמונג. דער ציוניזם ווערט געפיהרט דורך דייטשע שריפטשטעלער, די אָפיציעלע שפּראַך פון קאָנגרעס איז דייטש. דאַרף מען אַ גרעסערע נאָהענט־קייט? אַליין קאָן דייטשלאַנד ניט פערפעסטיגען זיך אין א״י און אויף די וועגען קיין אינדיען, — ניט אויפוועקענדיג קיין ווידערשטאַנד, וואָס מוז ברענ־גען צו אַ קאַטאַסטראָפע. אָבער ווען עס וועט אַרויסשטעלען די יודען און זיי פאָדערען די רעכט אויף אויפלעבען און מיט זיי בעזעצען די לענ־דער אַרום די דאָזיגע וועגען, וועט די וועלט זיך ניט קאָנען אַנטקעגענשטע־לען. יודען וועלען געהאָלפען ווערען. דער אַנטיסעמיטיזם וועט פערשווינדען, טערקיי וועט גערעטעוועט ווערען, דייטשלאַנד וועט ווערען די ענטשיידענע מאַכט, און דער שלום וועט ווערען געזיכערט.

אונגעפעהר דאָס זעלבען געווען די אַרגומענטען און די פּערספּעקטיווען, וועלכע הערצל האָט געבראַכט צום אויסדרוק אין זיינע געשפּרעכען און בריעף צו די דייטשע רעגירונגס־פּאָרשטעהער און צו דעם דייטשען קייזער, אין וועל־כען ער האָט געזעהען דעם געניאַלען הערשער, וואָס איז פעהיג צו עפענען אַ נייע תקופה פאַר דער מענטשהייט. תחלת האָט ער אויך געהאַט ערפאָלג. אַן אוידיענץ אין בערלין האָט ער ניט בעקומען, אָבער ער איז איינגעלאַדען געוואָרן קיין א״י, אום דאָרט אויפגענומען צו ווערן דורכן קייזער. דאָס איז געווען פאַר איהם אַ צייכען, אַז עס געהט גוט. וואָרום אַ ניט צו וואָס האָט מען איהם איינגעלאַדען קיין א״י? סיידען דאָרט זאָל פּראָקלאַמירט ווערען דער פּראָטעקטאָראַט איבער דער יודישער איינוואַנדערונג.

שנעל איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אַ דעלעגאַציע און הערצל איז צוזאַ־מען מיט איהר געפאָהרען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און פון דאָרט קיין א״י. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז ער אויפגענומען געוואָרען דורכן קייזער, און די אוידיענץ איז געווען אַ גאַנץ פריינדליכע. הערצל האָט אַפילו בעקומען דעם רושם, אַז בילאָוו׳ס דעם אויסערן־מיניסטער געגנערשאַפט ווערט דורכן קייזער געצוימט און אָבגעשוואַכט.

אויפן וועג קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט מען שוין אָנגעהויבען פאָרמולי־רען קאָנקרעטע פּאָליטישע פאָדערונגען. ה׳ מאַדזיני ברענגט אין זיין בייעם בוך וועגען דער ציוניסטישער פּאָליטיק, אין וועלכען עס ווערען דערצעהלט פּרטים וועגען הערצלס פּאָליטישע בעמיהונגען, — די דאָזיגע פאָדערונגען, ווי זיי זענען פאָרמולירט געוואָרען דורך ד״ר באָדענהיימער. זיי גיבען אַ בע־גריף, ווי האָט מען זיך אין די הערצלישע קרייזען פאָרגעשטעלט דעם פּאָלי־טישען און רעכטליכען אינהאַלט פון די ציוניסטישע פאָדערונגען. הערצל האָט בעת דער אוידיענץ גערעדט וועגען אַ גרויסער לאַנד־קויף געזעלשאַפט אונטערן דייטשען פּראָטעקטאָראַט, אָבער אין באָדענהיימערס פּראָגראַם געפינען מיר אַ גאַנצען פּלאַן פון פערווירקליכונג פונ׳ם ציוניסטישען אידעאַל.

אין דער איבערגאַנגס־צייט זאָל צווישען דער עגיפּטישער גרעניץ און אויפראַטעס דאַרף איינגעפיהרט ווערען פאָלגענדע אָרדנונג:

1) אַ יודישער בעאַמטער זאָל בעשטימט ווערען, וואָס זאָל אָנפיהרען מיט דער אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע. 2) דאָס לאַנד ווערט צוטיילט אויף פּראָווינצען. 3) יעדע פּראָווינץ ווערט אויטאָמאַטיש איבערגעגעבען אין די הענד פון אַ יודישער פערוואַלטונג, ווי נור די צאָהל פון די יודען אין איהר דער־גרייכט 3/4 פון דער בעפעלקערונג. 4) אַנ׳אויסנאַהם מאַכען די הייליגע ער־טער, וועלכע בלייבען אונטער טערקישער פערוואַלטונג ביז עס וועט קומען צו אַ הסכם צווישען די מלוכות און טערקיי וועגען זייער עקסטעריטאָריאַליזירונג. 5) די יודישע איינוואוינער אין די יודישע פּראָווינצען בעקומען די יודישע בירגערשאַפט אונטער דעם אייראָפּעאישען פּראָטעקטאָראַט און אויך די טער־קישע מיט אַלע איהרע רעכט און פליכטען. 6) דער מיליטער דינסט איז פערפליכטענד פאַר אַלע יודישע בירגער. דאָס מיליטער דינט בלויז צו פער־טיידיגען די דאָזיגע פּראָווינצען. 7) אַלע קאָנצעסיעס אויף גרובען און ד. ג. געהען איבער צו יודען פאַר אַ בעשטימטער ענטשעדיגונג. 8) די העכסטע טערקישע מאַכט ווערט גאַראַנטירט דורך אַ בעזונדערען טערקישען בעאַמטען און דורך אַ יעהרליכען אָבצאָהל.

הערצל האָט פערשטאַנען, אַז ס׳איז נאָך ניט געקומען די צייט פאַר אַזעלכע פאָדערונגען און אין זיין מעמאָראַנדום, וועלכען ער האָט פאָרגעלע־זען אין ירושלים פאַרן קייזער (נאָך דעם ווי עס איז דורכגעקוקט געוואָרען און „קאָרעגירט״ געוואָרען אין אַ פּאָר גאַנץ כאַראַקטעריסטישע ערטער) האָט ער איבערגעחזרט דעם פּלאַן צו שאַפען אַ גרויסע יודישע געזעלשאַפט אויף צו קויפען לאַנד און שטעלען זי אונטערן דייטשען פּראָטעקטאָראַט. די לעצטע פאָדערונג איז אָפּיציעל אויסגעמעקט געוואָרען אַזוי ווי אַנדערע ערטער, וואָס האָבען אָנגעריהרט „געפעהרליכע״ מאָמענטען. אָבער אויך דערויף איז געקו־מען אַנ׳ענטפער, וואָס האָט גאָר ניט געזאָגט, וועלכער האָט פעראייניגט די בעמיהונגען פון די דייטשע און יודישע קאָלאָניסטען און אונטערגעשטראָכען, אַז מ׳דאַרף האָבען וואַסער און שאָטען, אום צו דערשלאָגען זיך צו עפּעס אין דעם דאָזיגען לאַנד.

הערצל האָט זיך געטרייסט, אַז קיין נעגאַטיוועו ענטפער האָט ער ניט בעקומען, אָבער דאָס איז געווען ניט מעהר ווי אַ טרייסט. דער פּלאַן צו שטע־לען די פערווירקליכונג פונ׳ם ציוניזם אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון דייטשלאַנד איז ניט געלונגען. דער צווייטער נאָוועמבער 1898, אין וועלכען ס׳איז פאָרגע־קומען די דאָזיגע אוידיענץ, איז געווען אַ פערפעהלטער. איצט נאָכן צווייטן נאָוועמבער 1917 קאָן מען זעהען אין פיעל אַרגומענטען. וועלכע הערצל האָט אָנגעפיהרט אין זיינע בריעף און געשפּרעכען, וואָס האָבען געבראַכט צו דעם פערפעהלטען צווייטען נאָוועמבער, אַזוי ווי אַנ׳אָנזאָג פון דעם געגליקטען.

עס איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פאַר הערצל׳ן און פאַר זיין פּאָליטי־שער שיטה. די בעוועגונג האָט דעם דאָזיגען קלאַפּ ווייניג דערפיהלט. זי האָט אַזוי גוט ווי גאָר ניט געוואוסט. זי האָט זיך אויך ניט פאַרגעשטעלט, אַז ס׳איז דאָ אַ שאַנס אַזוי שנעל צו פערווירקליכען הערצלס פּלאַן. ביי איהר גאַנצען גלויבען אין הערצל׳ן, אין זיין ציובער־קראַפט האָט זי אינסטינקטיוו געפיהלט, אַז שווערע און לענגערע בעמיהונגען וועלען מוזען אָנגעווענדעט ווערען, אום צו דערגרייכען דאָס ציעל. די רייזע נאָך ארץ־ישראל, די פּגישה ביי מקוה ישראל, די אוידיענץ אין ירושלים, — דאָס אַלץ האָבען געוועקט און פערשטאַרקט די האָפנונגען, האָבען אַזוי ווי בעוויזען דעם פאָלק, אַז הערצל געהט אויף אַ ריכטיגען וועג, אַז מען רעדט מיט איהם, אַז מען בע־טראַכט זיינע פאָדערונגען. דאָס איז געווען גענוג. די בעוועגונג האָט דעם קלאַפּ ניט דערפיהלט.

אויך הערצל האָט זיך גיך בערוהיגט און גענומען זיך זוכען אַנדערע און בעסערע וועגען, וואָס זאָלען איהם ברענגען צום ציעל. ער פרובט נאָך אַ צייט ווייטער געהען דעם דייטשען וועג, אָבער אומזיסט. אַלע טהירען און טויערען זענען פערהאַקט. זיין אינסטינקט ווענדעט זיך צו ענגלאַנד, הגם ער זוכט ניט אָנציקניפּען קאָנקרעטע בעציהונגען, אָבער די באַנק ווערט לעגאַלי־זירט אַלס ענגלישע געזעלשאַפט.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן פּלאַן פון רוסישן קייזער ניקאָלאַי דעם צווייטען צו פערזיכערען דעם שלום, זוכט ער וועגען צו איהם. אָבער עס גע־לינגט איהם ניט צוצוקומען צום רוסישען קייזער. בעת דער שלום־קאָנפערענץ אין האג זוכט ער מיט דער הילף פון דער באראנעסא זוטנער, וועלכער ער האָט ערמעגליכט צו פאָהרען קיין האג און צו האַלטען דאָרט איהר סאַלאָן, צו מאַכען נייע פערבינדונגען און בעציהונגען. אָבער דאָס אַלץ ברענגט ניט קיין ממשות. אפילו עס געלינגט אים ניט צוצוציהען די אויפמערקזאַמקייט פונ׳ם ענגלישען פּרעמיער לאָרד סאַליסבורי, הגם דער לעצטער האָט געגעבען ביי אַ געלעגענהייט אויסדרוק זיין סימפּאַטיע צום ציוניזם. ענגלאַנד איז פער־נומען מיטן בורען קריעג, און ארץ־ישראל שטעהט נאָך ניט אויף דער טאָג־אָרדנונג פון איהר פּאָליטיק.

דערווייל אָבער קאָנקרעטיזירט הערצל זיינע פּאָליטישע געדאַנקען. אויפן דריטען קאָנגרעס אין מיטען אויגוסט 1899 וואַרפט ער דעם לאָזונג פון אַ טשאַרטער. די אינטערהאַנדלונגען מיטן דייטשען קייזער און די ווייטערע פּאָ־ליטישע בעמיהונגען האָבען איהם דערפיהרט דערצו, אַז עס מוז פאָרמולירט ווערען אַ קאָנקרעטע פאָדערונג: אַ טשארטער ד״ה אַנ׳ערלויבעניש פון דעם הערשער איבערן לאַנד צו בעזעצען דאָס לאַנד, אַריינפיהרען אין איהם יודען־צו עקספּלאָאַטירן עס. דערביי זאָלען געגעבען ווערען אַלע נויטיגע רעכט. דער טשארטער זאָל געגעבען ווערען דער ציוניסטישער בעוועגונג, וואָס זאָל

פערטרעטען זיין דורך אַ יורידישער פערזענלעכקייט, אַלזאָ דורך דער קאָלאָ־ניאַל־באַנק.

דער דאָזיגער בעגריף פון טשאַרטער איז געווען גאַנץ ניי פאַר די מיט־גלידער פונ׳ם קאָנגרעס און בכלל פאַר דער ציוניסטישער וועלט. הערצל האָט אים ניט ענטוויקלט און ניט ערקלעהרט.

אין דער געשיכטע פון דער קאָלאָניזאַציע פון פערשידענע לענדער איז דאָס געווען אַן׳איבליכע פאָרם פון ערטיילען רעכט אַ קאָלאָניזירנדער געזעל־שאַפט. אין די לעצטע צייטען איז דאָס געשעהען אין ראָדעזיא, וואו עס איז ערטיילט געוואָרען אַ טשאַרטער מיט ברייטע רעכט דער געזעלשאַפט, וואָס האָט דאָס לאַנד קאָלאָניזירט און עקספּלאָאַטירט. הערצל האָט זיך דערויף סומן געווען און האָט זיך ניט אָבגעשטעלט נעהענטער אויפן רעכטליכען אינ־האַלט פונ׳ם טשאַרטער, וועלכען די ציוניסטישע בעוועגונג דאַרף פאָדערען פונ׳ם טערקישען סולטאַן. און דער דאָזיגער אינהאַלט האָט געקאָנט זיין פער־שידען.

די ציוניסטישע עפענטליכקייט האָט בעקומען אַ נייעם געגענשטאַנד פאַר אַ געדאַנקען־אַרבייט. אויפן קאָנגרעס איז געגעבען געוואָרען אַ געוויסער פּירוש, אַן׳אָנצוהערעניש, אין דער רעדע פון נאָרדוי, וועלכער האָט זיך אָבגעשטעלט אויף דעם פּראָבלעם פון דער מינדערהייט און דער מערהייט. די יודען ביל־דען אין גלות אומעטום אַ מינדערהייט, און אויך דערפון נעהמען זיך זייערע צרות. אין א״י מוזען זיי דערגרייכען אַ מערהייט, כּדי עס זאָל פער־פעסטיגט ווערען ניט נור זייער רעכט נאָר אויך זייער נאַטירליכע מעגליכקייט צו געניסען פון די דאָזיגע רעכט.

כּדי צו דערגרייכען דאָס ציעל: די עפענטליך רעכטליך געזיכערטע היים מוז מען זיך דערשלאָגען צו אַ טשאַרטער. וואָס מוז גאַראַנטירען די בילדונג פון אַ יודישער מעהרהייט און ענטהאַלטען אין זיך אַלע נויטיגע גאַראַנטיעס. אין דער ציוניסטישער עפענטליכקייט, אין דער פּרעסע, אין פעראיינען און פערזאַמלונגען האָט מען אָנגעהויבען טאַקי אַנאַליזירען דעם בעגריף טשאַרטער און א׳יפקלערען איהם. מען האָט אַפילו געפּרובט אויסצו־אַרבייטען אַ פּראָיעקט פון אַ טשאַרטער פאַר א״י. אָבער דאָס איז געווען בלויז געדאַנקען־אַרבייט. די בעוועגונג האָט זיך גאָרניט אָבגעשטעלט דערויף, אַז דער טשאַרטער קאָן אונטער אומשטענדען ענטהאַלטען וועניגער, ווי דאָס באַזעלער פּראָגראַם פאָדערט. אויפן 3־טען קאָנגרעס האָט זיך געלאָזט הערען אַ פעריתומטע שטים אין דער היגזיכט, אָבער קיינער האָט ניט אויפגעכאַפּט די אַרויסגעזאָגטע ספקות. דער קאָנגרעס און די בעוועגונג האָבען זיך ווייניג אינטערעסירט מיטן אומפאַנג פון די רעכט צו וועלכע מען האָט זיך בעמיהט צו דערשלאָגען. פאַר איהר איז געווען וויכטיג, אַז די דאָזיגע רעכט זאָלען זיין. נור צווישען די רוסישע ציוניסטען איז געשטעלט געוואָרען דאָס פּראָב־לעם: „אַ טשאַרטער אָדער איינצלנע קאָנצעסיעס״. דאָס דאָזיגע פּראָבלעם אָבער,

וואָס האָט געקאָנט אַרויספיהרען אויף אַ נייען וועג, האָט קיינעם ניט פעראינטערעסירט. דער ציוניסטישער געדאַנק איז בעהערשט געווען דורך דער קאָנצעפּציע. אַז די נויטיגע סומע פון רעכט דאַרף געגעבען ווערען פאָראויס פאַר דער ברייטער און גרויסער קאָלאָניזאַציע אַרבייט אַלס איהר בעדינגונג און נישט זיין דער רעזולטאַט פון איהר. די רוסישע ציוניסטען, וואָס האָבען געפאָדערט אַרבייט אין א״י, האָבען זייער פאָדערונג פאָרמולירט אַזוי, אַז עס האָט זיך ענטוויקעלט אַ גאַנץ אונפרוכטבאַרע פּאָלעמיק אַרום דעם פּראָבלעם פון קליינקאָלאָניזאַציע און גרויסקאָלאָניזאַציע. עס האָט געהייסען אַז קליינקאָלאָניזאַציע קאָן ניט ברענגען צום ציעל, און גרויסקאָלאָניזאַציע מוז באַזירט זיין אויף גאָר ברייטע רעכט. אָבער די פּאָליטישע זייט פונ׳ם פּראָבלעם איז אַזוי גוט ווי ניט בעריהרט געוואָרען. די בעוועגונג גלויבט הערצל׳ן, קוקט זיך צו מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם צו זיין פיבערהאַפטער טעטיגקייט און וואַרט די ערלעזונג וועט קומען, הגם זי לאָזט אויף זיך וואַרטען. און יעדען נייען געדאַנק, יעדער נייער לאָזונג נעמט זי אויף מיט דעמזעלבען צוטרוי, מיט דעמזעלבען גלויבען.

נאָר איין חשד האָט די בעוועגונג. אַ טיעפען חשד. זי האָט אַ געפיהל, אַז הערצל איז נישט צוזאַמענגעוואקסען מיטן געדאַנק, אַז די אויסלייזונג מוז און קאָן פאָרקומען בלויז אין א״י, אַז אין אַ עת צרה וועט ער זיך אָבקעהרען פון ארץ־ישראל און זוכען אַנ׳אַנדער לאַנד. און זי היט אַזוי צו זאָגען יעדען טריט פון הערצל׳ן וואָס קאָן דערוועקען דעם דאָזיגען חשד. אָט זעענען אין דעם סטאַטוט פון באַנק פררהאַנען עפּעס פערדעכטיגע ווערטער, אַז די באַנק קאָן טעטיג זיין אויך אין אַנדערע לענדער אַ חוץ ארץ־ישראל און סיריען. דער דריטער קאָנגרעס ווערט צוליעב דעם פול מיט חשד. די דעבאַטע אַרום דעם דאָזיגען פונקט ווערט שטורמיש. מאצקין האַלט זיין ערשטע שאַרפע אָפּאָזיציאָנעלע רעדע. עס איז פערלוירען געגאַנגען דער בלינדער גלויבען אינם פיהרער. מען וואַרפט איהם שוין אָפען פאָר, אַז ער רעכענט זיך ניט מיטן ווילען פון דער בעוועגונג, אַז ער טהוט אַלץ כדי די באַנק זאָל זיין אַ אינסטרומענט אין זיין פאַנד, אַז צוליעב דעם האָט ער געשאָנקען אייניגע גרינדער אַקציען, אַריינגעשטעלט ניט דעמאָקראַטישע פונקטען אינ׳ם סטאַטוט, וואָס שאַפען אָב די גלייכקייט, פון די אַקציאָנערען.

צווישען דער בעוועגונג און הערצל׳ן קומט צו דעם ערשטען גרויסען צוזאַמענשטויס. די אָפּאָזיציע פערשפּילט — פאָרמעל, אָבער זי זיגט פאַקטיש. עס ווערט קלאָר, אַז אינם פרט פון ארץ־ישראל וועט זי ניט אונטערוואַרפען זיך דעם צויבער פון הערצל׳ן.

און אויפן דריטען קאָנגרעס קומט נאָך איין מאָל צום אויסדרוק דער דאָזיגער אומשטאַנד. אַ דייטשער ציוניסט דוד טריטש טרעט אַרויס מיטן געדאַנק, אַז ארץ־ישראל הייסט לאו דוקא דאָס דאָזיגע לאַנד אין זיינע בעשטימטע גרעניצען. מען מוז אויך צורעכענען די שכנות־לענדער. זאָל טאַקי זיין

פלאַץ פאַר׳ן גרעסטען טייל פונ׳ם יודישען פאָלק. און, דער עיקר, אויב מען קאָן ניט גלייך אָנהויבען אַ גרויסע קאָלאָניזאַציע=אַרבייט אין ארץ=ישראל, טאָ זאָל מען פרובען אָנהויבען זי אין איינעם פון די שכנות׳דיגע לענדער, און טריטש לעגט פאָר די אינזעל ציפערען, וואָס ליגט אַזוי נאָהענט פון א״י. וואָס געפינט זיך אונטער דער ענגלישער הערשאַפט און וואו מ׳וואָלט געקאָנט בעזעצען אַ סך יודען.

דער קאָנגרעס וויל איהם ניט הערען. ער האָט אַ חשד, אַז הינטער דעם דאָזיגען פלאַן פערשטעקט זיך גאָר עפּעס אַנדערעס. די בעוועגונג איז גרייט צו וואַרטען ביז מען וועט קאָנען אָנהויבען די גרויסע אויפבוי=אַרבייט נאָך דעם ווי מען וועט בעקומען דעם טשארטער. זי איז גרייט לאַנג צו וואַרטען. זי האָט געדולט. זי פערנעהמט זיך מיט דער צוגרייטונגס=אַרבייט, זי פערדייט און אַסימילירט די נייע געדאַנקען, זי וועקט און אָרגאַניזירט דאָס פאָלק, זי דערפיהרט אַ קאַמף וועגען איינפלוס און מאַכט אין דער יודישער געזעלשאַפטליכקייט, אָבער אונגעדולדיג זענען די פיהרער. זיי ווילען וואָס שנעלער דערגרייכען דאָס ציעל. און די בעוועגונג ווערט אונרוהיג, זי האָט מורא, אַז ביי דער ערשטער ענטוישונג, וועט מען זאָגען לאו דוקא ארץ=ישראל, אַזוי ווי מען האָט דאַן געזאָגט אין אָנהויב און מען וועט אָנהויבען זוכען אַ ניי לאַנד. די בעוועגונג וויל זיך בעוואָרענען. די בעוועגונג וויל בעצווינגען הערצל׳ן. אויך אין קולטורעלען זין. זאָל ער ווערען מעהר צונויפגעבונדען מיט דער יודישער קולטור און שפראַך. גאסטערס רעדע העלפען אין דעם פרט ווייניג. זיי בעזייטיגען ניט די חשדים. זיי זענען צו גייסטרייך, צו שעהן. זיי שוועבען אין די הימלען, און די בעוועגונג וויל זעהען מעשים. דאָס פאָלק דאַרף ערצויגען ווערען. עס דאַרף אין איהם געוועקט ווערען אַ בענקשאַפט צו קולטורעלען שאַפען, צום אָריגינעלען שאַפען. הערצל פערשטעהט דאָס ניט. ער גיט נאָך דעם פאָלק, אָבער נור אין רייד. ממשות׳דיג איז פאַר איהם עפּעס אַנדערש: די פּאָליטישע אונטערהאַנדלונגען, די צוגרייטונג פון מכשירים פון קאַמף און פון אַרבייט. דאָס איז דאָס וויכטיגטע אלעס אַנדערע איז שפּיעל, און זאָל זיך די בעוועגונג שפּיעלען דער מיט כל=זמן זי מוז וואַרטען.

אָבער פאַר דער בעוועגונג ווערט דוקא דאָס דאָזיגע שפּיעל אַלס ערנסטער און ערנסטער.

פּינפטע לעקציע

הערצל און די בעוועגונג. — הערצל זוכט מעגליכקייטען, ווי אזוי אָנצוקניפּען פערהאַנדלונגען מיטן סולטאַן. — די אַטמאָספערע אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. — אַגענטען. — דער פינאַנסיעלער קנויל. — אַלץ איז צו קויפען. — די בעציהונג צו דעם ציוניסטישען פּלאַן. — די גזרה פון דריי הדשים אויף די יודישע איינוואַנדערער. — וואַמבערי און זיין הילף. — די אוידיענץ אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. — פינאַנסיעלע פּראָיעקטען פון הערצל'ן. — טערקישע פאָרשלאַגען. — הערצל זוכט מיליאָנען. — די בעוועגונג זוכט אַרבייט און אינהאַלט. — די ענטוויקלונג פונ'ם רעליגיעזען ציוניזם. — די פערגרעסערטע פאָדערונגען. — הרב יצחק יעקב ריינעס. — דער קאַמף געגען קולטור-אַרבייט. — דער פיערטער קאָנגרעס אין לאָנדאָן. — די אַרבייט אויף צו דערהויבען די יודישע לאַגע. — די פיזישע דערהויבונג. — די ספּאָרט-בעוועגונג צווישען די יודען. — דער נצחון פון די רעליגיעזע ציוניסטען אין דער קולטור-פראַגע. — די אָרגאַניזירונג פון „מזרחי". — די אָרגאַניזירונג פון דער דעמאָקראַטישער פראַקציע. — דער קאַמף געגען קאָמפּראָמיסען מיט רעליגיעזע ציוניסטען. — פאַר דעמאָקראַטיזירונג, פאַר קולטור און ערציהונג. — דער פּראָגרעסיווער און סאָציאַלער אינהאַלט. — אבערסאָן'ס רעפעראַט געגען „בונד". — מאַצקין'ס פאָרמולירונג פון דער בעציהונג צו דער דיפּלאָמאַטישער טעטיגקייט. — דאָס ערשטע אומפאַסענדע פּראָגראַם — ווייצמאַן, מאַצקין, פייבעל, בובער. — דער צוזאַמענשטויס אויפן פינפטען קאָנגרעס. — דער ערשטער עקזאָדוס. — דער זיעג פון דער פראַקציע. — די מאַשין און די דראָהטען. — די באַנק הויבט אָן איהר טעטיגקייט. — די גרינדונג פון דער אנגלאָ-פּאַלעסטיין קאָמפּ. — די גרינדונג פון נאַציאָנאַל-פאָנד. — די תקנות פון דער אָרגאַניזאַציע. — די נייע פּרינציפּען: וואַהלען, פערטרעטונג. — בירגערשאַפט פון דער מלוכה אונטערוועגס. — ברייטע ראַהמען: פעדעראַציעס אין דער אָרגאַניזאַציע — פּאָליטישע פראַקציעס — די לאַגע אין א"י. — יק"א נעמט איבער די קאָלאָניעס. — די דעלעגאַציע צו ראָטשילדן. — זאַנגוויל'ס רעדע געגען יק"א. — דער קאַמף מיט די גרויסע געזעלשאַפטען. — אין דער פּאָליטיק: פּלענער, פּראָיעקטען, געלד זוכעריי.

דער שפּאַלט צווישן הערצל׳ן און דער בּאַוועגונג הויבּט אָן צו ווערן טיפער. עס פּערגרעסערט זיך די צאָהל פון פּראָבּלעמען, וועלכע הערצל פּערשטעהט ניט, וועלכע ער נעמט אויף אַלס שטערונגען, מאַנכמאָל אַפילו בּייזוויליגע. אין די אויבּערשטע רייהען פון דער בּאַוועגונג ערשיינען מענשען, וועלכע גלויבּען, אַז מאַנכע זייטען פון הערצל׳ס טעטיגקייט, זיין פּרעמדקייט, זיין אויפצווינגען דעם ווילען זיינעם, זיינע דיפּלאָמאַטישע סודות בּעהאַלטען אין זיך גאָר גרויסע געפאַהרען. און אין דער בּאַוועגונג, אין דער ציוניסטי־שער מאַסע בּאַווייזען זיך יונגע כּחות, ערצויגען אויף די ציוניסטישע אידעען, וועלכע ווערען דורך זיי אויפגענומען אַלס בּעפּרייאונגס־אידעען. אין מערבּ־אייראָפּא זוכען זיי אַ בּעהעפטונג מיטן לעבּעדיגען פּאָלק און זיין שאַפען, אין רוסלאַנד קניפּען זיי אָן בּעציהונגען מיט די פּאָלקסמאַסען ניט נור דורך ציוניסטישער אַגיטאַציע, דורך בּשורות פון בּעפּרייאונג. אין דער אַטמאָספּערע אין רוסלאַנד פיהלט זיך שוין די דערנעהנטערונג פון דער רעוואָלוציע. דער סאָציאַליסטישער געדאַנק און די רעוואָלוציאָנערע פּערספּעקטיווען בּאַאונרוהיגען, צווינגען צו זוכען תּשובות אויף פראַגען פון דער ווירקליכקייט. דער „בּונד״ מיט זיין סאָציאַליסטישער און רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע רייסט מיט זיך מיט די אַרבּייטער־מאַסען און די אָרימקייט און יונגע אינטעליגענץ און דער־ווייטערט זיי פון ציוניזם אַלס פון אַ רעאַקציאָנערער בּאַוועגונג, וואָס זוכט חסדי מלכים און שטיצט די מאַכט פון די רבּנים. בּנוגע דעם נאַציאָנאַלען פּראָבּלעם ענטוויקעלט ער דעם געדאַנק פון קולטורעלער אויטאָנאָמיע. יודען דאַרפען ניט קיין אייגען לאַנד און נאָך וועניגער ארץ־ישראל. זייער צוקונפט ליגט אין זייערע וואוין־לענדער, און העגנט צוזאַמען מיט די פּאָליטישע רע־זשימען, וואָס הערשען אין זיי, זיי מוזען, אַלזאָ, קאָנצענטרירען זייער ענערגיע אום אויסצוקעמפען אָדער העלפען אויסקעמפען אַזעלכע רעזשימען, וואָס זאָלען פּאַר זיי גינסטיג זיין. אינצווישען שטייגט די אָרימקייט בּיי די מאַסען פון רומעניען, גאַליציען, פּוילען און רוסלאַנד. די עקאָנאָמישע פּראָבּלעמען מישען זיך צונויף מיט פּאָליטישע. יודען ווערען פּערפאָלגט אין רומעניען, אין רוס־לאַנד. אין לעצטען צוליבּ זייער אנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער בּאַוועגונג. און עס וואַקסט אַ מאַסען־אויסוואַנדערונג אין אַלע מעגליכע לענדער דער עיקר אָבּער אין די פּעראייניגטע שטאַטען פון צפון־אַמעריקאַ. בּלויז ארץ־ישראל געהט אַ קליינינקער שטראָם, קוים אָנצוזעהען. און די יק״א, וואָס האָט איבּער־גענומען ראָטשילד׳ס קאָלאָניעס, טראַכט אַפילו וועגען אַרויספיהרען עטליכע הונדערט אַרבּייטער, וועלכע האָבּען פּערלוירען אַרבּייט צוליבּ דער ענדערונג אין דער פּערוואַלטונג פון די קאָלאָניעס.

פּאַר הערצל׳ן זענען די אַלע ערשיינונגען אָנשפּאַרונגען אויף צו צו־איילען זיין פּאָליטישע און דיפּלאָמאַטישע טעטיגקייט. ער וויל וואָס אַמשנעל־סטען בּרענגען זיין פּאָלק דעם טשאַרטער און אָנהויבּען די אָרגאַניזירטע איינ־וואַנדערונג אין דעם אייגענעם לאַנד. פּאַר דער בּאַוועגונג ווידער איז דאָס

אַלץ אַ קראַפט, וואָס צווינגט זי צוצופּאַסען זיך צו דער ווירקליכקייט, ענט־פערען אויף אי׳הרע טאָג־טעגליכע פּראָבלעמען, פערנעהמען אַנ׳אָרט אינם ווירקליכען לעבען און בעקומען די אָנפיהרערשאַפט מיט די יודישע ענינים. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין פערשידענע לענדער ציהען זיך שוין אַריין אינ׳ם קאַמף פאַר דער אָנפיהרערשאַפט אין די יודישע קהלות, וואו זיי זענען אָרגאַניזירט, פּרובען צו אָרגאַניזירען די יודישע קיבוצים, וואו זיי זענען ניט אָרגאַניזירט. דער אַקאַדעמישער קאַמף מיט דער אַסימילאַציע, מיט די אָנ־פיהרענדע קרייזען אינ׳ם יודענטום ענטוויקעלט זיך אַלץ מעהר און מעהר צו אַ קאַמף מיט די פילאַנטראָפּישע הילפס־מעטאָדען זייערע, צו אַ פּרוב צו בע־קומען איינפלוס אויף די גרויסע געזעלשאַפטליכע קאַפּיטאַלען, וואָס געפינען זיך אין זייערע הענד און ווערען בענוצט און פערשווענדעט פאַר צדקה־זאַכען אַנשטאַט אויף צו העלפען פערווירקליכען די לעזונג פון דער יודען־פראַגע.

הערצל הויבט אָן ווידער פיבערהאַפט צו זוכען אָנצוקניפּען דירעקטע בעציהונגען מיטן סולטאַן אָבער זיין אַגענט דער פּוילישער אַוואַנטוריסט נעווילינסקי שטאַרבט, און ער בלייבט אויף אַ ווייַלע אָהן יעדער פערבינדונג מיט קאָנסטאַנטינאָפּאָל. באַלד אָבער געפינען זיך אַנדערע אַגענטען. דאָס איז ניט געווען שווער צו יענע צייטען אין דער הויפּטשטאָדט פון דעם טערקישען אימפּעריום, וואָס האָט געליטען אויף אַ אונאיילבאַרער אָרגאַנישער קראַנקהייט. הערצל אַליין כאַראַקטעריזירט דעם אילדיז קיאסק, וואָס האָט געהערשט איבער טערקיי, אַלס אַ גנבים און באַנדיטען געזינדעל, וואָס מסחרט מיט אַלץ אַפילו מיטן סולטאַן גופא און מיט זיינע אוידיענצען. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל דרעהען זיך אַרום פערשידענע אַגענטען און אַוואַנטוריסטען, רויבפויגעל, וואָס פליהען זיך צונויף, כדי אָפּצורייסען אַ געשמאַקען ביסען פונ׳ם האַלב־טויטען קערפּער. שיינבאַר הערשט דער סולטאַן, וואָס לעבט אין שטענדיגען שרעק, וואָס מאַכט פערצווייפעלטע בעמיהונגען אַרויסצורייסען זיך פונ׳ם פערכישופטען טריט־קרייז. ער האָט מורא פאַר אַלץ און פאַר אַלע, ער האָט חושד אַלץ און אַלע. אויך די מלוכות קאָנקורירען איינע מיט דער אַנדערער אין די בע־מיהונגען צו בעהערשען טערקיי, אַרויסצורייסען פון איהר אַ פעטע קאָנצעסיע. יעדע רגע פעהלט געלד. יעדע רגע שטויסען זיך אָן איינע אויף דער אַנ־דערער אינטריגעס. אַגענטען פינאַנסיעלע און פּאָליטישע, אינערליכע און אויסערליכע געהען זיך אויף די פּיאַטעס. מ׳מאַכט פּראָיעקטען, מ׳האַנדעלט, מ׳קויפט און פערקויפט.

אין אַזאַ אַטמאָספערע פאַלט אַריין הערצל מיט זיינע פּלענער און גע־דאַנקען. ער מוז קודם כל ווייזען זיין בעוועגונג און דער יודישער און נישט יודישער וועלט, אַז ער שטעהט אין אַ דירעקטער פערבינדונג מיט דעם טערקישען סולטאַן, אַז ער פיהרט מיט איהם קאָנקרעטע אונטערהאַנדלונגען. וואָרום דוקא צו דער צייט ווערט בעקאַנט די נעגאַטיווע בעציהונג פון טערקיי

צום ציוניזם און צו הערצל׳ס פּלאַן. אויסערונגען פון געזאַנדטע, אַ פעראָרדנונג צו געבען יודישע פּילגער, (מתפּללים) וואָס קומען קיין ארץ־ישראל דאָס רעכט צו בלייבען דאָרט בלויז דריי חדשים — דאָס בעריהמטע „רויטע צעטעל״ — לאָזען ניט קיין צווייפעל, אַז אין טערקיי טראַכט מען ניט צו ערפיהלען די ציוניסטישע פאָדערונגען, אדרבא, מען קוקט מיט גרויסען חשד אויף דעם ווילען פון די יודען צו קאָנצענטרירען זיך אין ארץ־ישראל. מען ווינשט זיך גאָר אינגאַנצען ניט נאָך איין פאָלק צווישען די פעלקער, וואָס רייסען טערקיי אויף שטיקער, נאָך טויזענדער און מעהר פרעמדע אינטערעסאַנטען, וואָס גיבען די מעגליכקייט די מלוכות אַריינצומישען זיך אין די אינערליכע ענינים פון טערקיי. מען וואָלט געוואָלט, אַז יודען זאָלען זיך בעזעצען אין פערשידענע ערטער פון טערקיי, ווערען טערקישע בירגער און אַרבייטען פאַר טערקיי.

אָבער הערצל וויל אויסנוצען די דאָזיגע לאַגע פאַר זיינע ציעלען. ער פּלאַנט צו „פּאַקען״ דעם סולטאַן מיט אַ פּראָיעקט געזונד צו מאַכען זיינע פינאַנסען. דערפאַר זאָל דער סולטאַן געבען א טשארטער אויף צו קאָלאָניזירען ארץ־ישראל. נאָך לאַנגע און קאָסטבאַרע בעמיהונגען דערשלאָגט ער זיך צו אַן׳אוידיענץ אין אילדיז קיאסק. אייגענטליך ניט אַלס ציוניסטישער פיהרער, נור אַלס רעדאַקטאָר פון דער „נייער פרייער פּרעסע״. ער ווייס אַפילו ניט וועמען האָט ער צו פערדאַנקען די אוידיענץ, וואמבער׳ן דעם בעריהמטען אָריענט פאָרשער און טערקיש ענגלישען אַגענט, אַ אונגאַרישען יוד, וואָס האָט אָנגענומען דעם איסלאם און די אָטאָמאַנישע אונטערטאַנשאַפט צו אַנדערע אַגענטען. אָבער דאָס אַרט איהם וועניג. צוזאַמען מיט דוד וואָלפסאָן און אסקאר מארמארעק פאָהרט ער קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. זיינע בעגלייטער זענען אַזוי אונבעקאַנט, אַז אין די ענגלישע קרייזען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל זעהט מען אין זיי אַגענטען פון די באַנקירען ראָטשילד און בלייכרעדער. דער ערשטער פיהלט זיך אַפילו געצוואונגען דערנאָך אָבצולייקענען די דאָזיגע ידיעה.

די אוידיענץ דויערט איבער צוויי שעה. הערצל ערקלעהרט, אַז ער איז גרייט צו העלפען טערקיי אַרויסצורייסען זיך פון די פינאַנסיעלע שוועריגקייטען. ער וויל אויסאַרבייטען אַ געגויעם פּלאַן וועגען דעם. ער שטעלט נאָך ניט קיין פאָדערונגען, ער וויל בלויז אָנקניפּען אַ פריינדשאַפט. טערקיי און די יודען מוזען זיך בעפריינדען. דער סולטאַן דאַרף געבען בלויז אַ צייכען פון דעם, אָבער ניט דורכן חכם באַשי. אַזאַ צייכען, אַז די יודען אין דער גאַנצער וועלט זאָלען פערשטעהן, אַז ס׳איז אָנגעבינדען געוואָרען צווישען טערקיי און זיי אַ פריינדשאַפט. און דערווייל וועט ער אַרבייטען איבער אַ פּלאַן, ווי אַזוי געזונד צו מאַכען די טערקישע פינאַנסען און געפינען די מיטלען אויף צו פערווירקליכען דעם דאָזיגען פּלאַן. דער סולטאַן דערצעהלט איהם וועגען אַ קאָנסאָלידאַציע פּלאַן, וואָס וועט איבערלאָזען אַ געווין פון אַנדערט האַלבען

מיליאָן טערקישע פונט. הערצל פערקרימט זיך מיט פעראַכטונג: אַזוי ווייניג. ער טראַכט וועגען פיעל גרעסערע סומען. קיין שום קאָנקרעטע זאַכען ווערען אין׳ם געשפרעך מיטן סולטאַן ניט בעריהרט, אָבער די מיניסטאָרען פרעגען וועגען דעם צי יודען זענען גרייט זיך צו בעזעצען צו עטליכע פאַמיליעס אין פערשידענע ערטער, אָננעהמען די טערקישע אונטערטאַנשאַפט, דינען אין דער טערקישער אַרמעע. אָבער ניט וועגען דעם טראַכט הערצל.

די דאָזיגע אודיענץ איז פאָרגעקומען דעם 17 מאַי 1901 שוין נאָכן פיערטען קאָנגרעס, וואָס איז צונויפגערופען געוואָרען דעם 1-טען אויגוסט אין לאָנדאָן. דאָס נייע אָרט און דער אומשטאַנד, וואָס הערצל האָט גאָר ניט געקאָנט דערצעהלען וועגען זיינע פּאָליטישע ערפאָלגען האָבען געבראַכט דער־צו, אַז דער IV קאָנגרעס איז געווען אַ מין איבערחזרונג פונ׳ם ערשטען און ווי יעדע איבערחזרונג אַפילו שוואַכערע. הערצל האָט בענוצט די לאָנדאָנער טריבונע, אום צו מאַכען אַ פערגלייכונג צווישען די דערגרייכונגען פונ׳ם ציוניזם און פון זיינע געגנער. אמת, דער טשארטער איז ניט ערהאַלטען געוואָרען, אָבער ס׳איז דאָ אַ האָפנונג זיך צו איהם צו דערשלאָגען. וואו זענען אָבער די רעזולטאַטען פון די בעמיהונגען פון די געגנער? אין זייערע הענד גע־פינט זיך כח און קאַפּיטאַל — און אויף קיין שום רעזולטאַטען קאָנען זיי ניט אָנווייזען. ניט נור די אַסימילאַציע, אָבער אויך די גרויסע פילאַנטראָפּישע אַרבייט האָט באַנקראָטירט.

און ווידער ווי אַמאָל אין באַזעל זענען געשטעלט געוואָרען אין צענט־רום פון די קאָנגרעס-אַרבייטען רעפעראַטען, וואָס האָבען בעהאַנדעלט די לאַ־גע פון די יודען און פערשידענע לענדער. דאָס מאָל אָבער האָבען זיי ניט נור אָנגעוויזען אויפן ציוניסטישן ענטפער, נאָר אויך אויף מיטלען, ווי צו דערהויבען די דאָזיגע לאַגע. עס האָט געהייסען: דער ציוניזם בויט ניט אויף דער פערערגערונג פון דעם יודישען מצב, ווי זיינע געגנער האָבען ניט אויפ־געהערט פאָרצוואַרפען, דער ציוניזם ווינשט, אַז יודען זאָלען געהען בעסער, אַז זייער צושטאַנד זאָל דערהויבען ווערען. קודם-כל פיזיש. מען מוז ברענ־גען דערצו, אַז די יודישע יוגענד זאָל אָנהויבען פלעגען איהר געזונד. נאָר־דוי האָט ווידער געוואָרפען אַ וואָרט, אַ לאָזונג: מוסקעל-יודענטום. דער דאָ־זיגער לאָזונג האָט געגעבען אַ מעכטיגען שטויס, און עס איז אויסגעוואקסען דער „מכבי"—די יודישע ספּאָרט-בעוועגונג.

אויב די דאָזיגע פאָרשלאַגען האָבען קיין שום דעבאַטע און סכסוכים ניט אַרויסגערופען, איז אָבער געקומען אויפן IV קאָנגרעס צו אַ העפטיגען קאַמף איבער דעם קולטור-פּראָבלעם. דאָס מאָל האָט מען שוין ניט געקאָנט אָב׳פטר׳ן די זאַך מיט אַ שענער רעדע פון ד"ר גאַסטער. די אָנגרייפער זענען דאָס מאָל געווען די רעליגיעזע ציוניסטען. אונטער דער פיהרונג פונ׳ם לידער רב ריינעס זענען זיי געקומען מיט פאָדערונגען, צווישען וועלכע דאָס ערשטע

איז געווען: — ניט צו פֿערנעהמען זיך מיט קיין קולטור־אַרבייט, ניט צו פֿער־ברייטערן די גרעניצען פֿון דער ציוניסטישער טעטיגקייט, בעשרענקען זיך בלויז אויף פּאָליטישער אַרבייט, אויף אָרגאַניזאַציע און פּראָפּאַגאַנדע. אַחוץ דעם פֿערשטאַרקען דעם איינפֿלוס פֿונ׳ם רעליגיעזען יודענטום, געבען די רבנים אַ פּאַסענדען, גרעסערען ווי ביז איצט, פּלאַץ אין דעם אַקציאָנס־קאָמיטעט.

די רעליגיעזע ציוניסטען האָבען זיך שוין מעהר ניט געוואָלט בעגנוגע־נען מיט דער ערקלעהרונג, אַז דער ציוניזם וועט גאָר ניט טהון, וואָס איז געגען דעם דת. זיי האָבען געפֿאָדערט גאַראַנטיעס, אַז די בעוועגונג וועט בלייבען אין די פֿריהערדיגע גרעניצען און ניט געהען אויפֿן וועג פֿון אָב־שוואַכען דאָס רעליגיעזע לעבען, אויפֿן וועג פֿון פֿערשטאַרקען דעם וועלטלי־כען מאָ ענט אי׳נ׳ם יודישען לעבען אויפֿן חשבון פֿון רעליגיעזען. די ענט־וויקלונג פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, די פֿערשפּרייטונג פֿונ׳ם ציוניזם אַלס אַ געדאַנק וועגען בעפֿרייאונג, וועגען מלוכה׳שער גאולה האָבען פֿער־שטאַרקט דעם סעקוליאַריזירונג פּראָצעס אינ׳ם יודישען פֿאָלק, וועלכען עס האָט אָנגעהויבען די השכלה און ווייטער געפֿיהרט דער אחד־העמ׳יסטישער נאַציאָנאַליזם. דער ציוניזם האָט וואָס ווייטער אַלץ מעהר איבערגערוקט דעם שווערפּונקט פֿונ׳ם יודישען נאַציאָנאַלען לעבען פֿון רעליגיעזע אויף וועלטליכע מאָמענטען.

די ציוניסטישע רבנים האָבען אָנגעהויבען זוכען מיטלען געגען דעם. זיי זענען שוין ניט געווען אַזוי איינזאַם ווי פֿריהער. דער ציוניזם איז דער דאָך אַריינגעדרונגען אין די רעליגיעזע קרייזען פֿון יודענטום. עס האָט זיך אָנגעהויבען בילדען אַ רעליגיעזע קאָנצעפּציע פֿון ציוניזם. ער דאַרף ראַטע־ווען און אויסלייזען דעם יודישען דת און דין. אין די בעדינגונגען פֿון גלות לעבען קאָנען זיי זיך ניט האַלטען. דינא דמלכותא און די עקאָנאָמישע בע־דינגונגען צוברעכען זיי. יודען, אַפֿילו רעליגיעזע געשטימטע, קאָנען ניט אָב־היטען אַלע מצוות און דינים. ניט אַלע קאָנען זיי זיין יראים און שלמים און ברענגען טאָג טעגליך קרבנות. אין אַ יודיש לאַנד קאָן זיין אַנדערש, וועט זיין אַנדערש. עס קאָן אַלץ צוגעפּאַסט ווערען צו דער תורה און מסורה. מען מוז אָבער שטעהען אויף דער וואַך, שאַפֿען אַ כח, וואָס זאָל עס אָבהיטען און דערווייל ניט דערלאָזען, אַז דער ציוניזם זאָל זיך אַריינציהען אין אַ קולטור אַרבייט, וואָס מוז זיין וועלטליך און פֿערשטאַרקען די וועלטליכקייט. דערנאָך, ווען עס האָט זיך אָרגאַניזירט דער „מזרחי״ (אין ווילנא פֿאַרן VI קאָנגרעס און אין פּרעסבורג אין 1904 אויף אַ וועלטקאָנפֿערענץ) אויף די איבענדערמאָנטע יסודות, האָט ער פֿערשטאַנען, אַז קולטור אַרבייט קאָן און מוז געפֿיהרט אויף אַ רעליגיעזער באַזע.

די רעליגיעז געשטימטע דעלעגאַטען אויפֿן IV קאָנגרעס צוזאַמען מיט

די אַלע, וואָס האָבען מורא געהאַט אָבצושטויסען די רבנים און די רעליגיעזע וועלט, האָבען אָבגעהאַלטען אַ נצחון. צוגעהאָלפען זיי האָבען אויך די פרייע און פרייסטע פון צווישען די מערב־ציוניסטען, וואָס האָבען בכלל ניט פער־שטאַנען, וועגען וואָס עס געהט, וואָס פאַר אַ קולטור אַרבייט ווערט געפאָ־דערט, און האָבען געקוקט אויף די רבנים, ווי אויף אמת׳ע פאָרשטעהער פון דער עכטער יודישער מאַסע, וואָס טאָר ניט אָבגעשטויסען ווערען.

דער בעשלוס ניט פערנעהמען זיך מיט קולטור־אַרבייט איז געווען דער לעצטער שטויס פאַר אַלע פראָגרעסיווע און יונגע עלעמענטען, וואָס האָט זיי געטריבען אַרויסצוטרעטען פון זייער רעזערווע און אָנהויבען אַ קאַמף פאַר זייער קאָנצעפּציע אין ציוניזם. באַלד נאָכן IV קאָנגרעס האָט זיך אָנגעהויבען די אַרבייט אויף צונויפצוזאַמלען די פּראָגרעסיווע יוגענד כּחות. און ניט נור אום צו שטעלען אַ ווידערשטאַנד דעם רעליגיעזען ציוניזם, וואָס האָט גע־דראָהט צו בעהערשען די גאַנצע בעוועגונג, נאָר אום צו פאָרמולירען די קאָנצעפּציע און דאָס פּראָגראַם פון דעם דעמאָקראַטישען ציוניזם, פונם אָר־גאַנישען, וואָס וואָלט זיך אויך געקאָנט אַנטקעגענשטעלען דעם יודישען סאָ־ציאַליזם פון איין זייט און דעם הערצליזם אין זיין וואולגאַרער און פערגרעב־טער פאָרם פון דער אַנדערער. די דאָזיגע קרייזען פון יוגענד, פון דעמאָ־קראַטיש און פּראָגרעסיוו געשטימטע ציוניסטען, צווישען זיי אַ סך תּלמידים פון אחד־העם, אַ סך פון די העבּרעאישע און דייטשע יונגע ליטעראַטען האָבען געמוזט געבען אַ ענטפער אויף די פראַגען, וועלכע האָבען זיי געפּייניגט. זיי האָבען ניט געקאָנט ווייטער בלינד נאָכגעהען הערצל׳ן מיטמאַכען זיין גאַנצע אינערליכע און אויסערליכע פּאָליטיק. זיי האָבען פערשטאַנען, אַז מען קאָן ניט האַלטען אייביג די בעוועגונג אויף בשורות טובות וועגען אוידיענצען און אויף וואַרטען אויפן גליקליכען טאָג, ווען עס וועט געגעבען ווערען דער צייכען אויף יציאת אייראָפּא. די בעוועגונג מוז אויפגעבויט ווערען אויף פעסטע יסודות פון אַ וועלט־אָנשויאונג, אויף די פונדאַמענטען פון אַן אָרגאַ־נישער קאָנצעפּציע, וואָס נעהמט אַרום דאָס גאַנצע יודישע לעבען.

אויף די דאָזיגע יסודות איז ענטשטאַנען די דעמאָקראַטישע פראַקציע. אויף אייגענע צוזאַמענקונפטען און אויף דער קאָנפערענץ אין בערן איז אויסגעאַרבייט געוואָרען דאָס פּראָגראַם און עס זענען פאָרמולירט געוואָרען די יסודות פון דער ציוניסטישער קאָנצעפּציע פון דער דעמאָקראַטישער פראַק־ציע. ווייצמאַן, מאצקין, כהן־בערנשטיין, פייבעל און בובער האָבען זיך גע־שטעלט בראש. צבי אבערסאָן אין זיין רעפעראַט, וואָס איז ליידער ניט פער־עפענטליכט געוואָרען, נאָר געבליבען אין זכרון פון די צוהערער, האָט גע־געבען אַ צושמעטערנדע קריטיק פונ׳ם „בונדיזם״ און אָבגעגרעניצט די קאָנ־צעפּציע פונ׳ם דעמאָקראַטישען ציוניזם פונ׳ם דאָזיגען יודישען סאָציאַליזם. מאצקין האָט פאָרמולירט די בעציהונג צו דער דיפּלאָמאַטישער טעטיגקייט פון

הערצל׳ן, געגען וועלכער מען טאָר ניט אַרויסטרעטען, אָבער וועלכע איז ניט קיין יסוד פונ׳ם ציוניזם. ווייצמאַן האָט זיך אַרויסגעזאָגט געגען קאָמפּראָמי־סען מיט דעם רעליגיעזען ציוניזם. פאַר אַ קולטור־אַרבייט אין ברייטסטען פערנעהם, פאַר אַ ערציהונג פון פאָלק. עס איז ענטשטאַנען אויף אַזאַ אופן דער דעמאָקראַטישער און פּראָגרעסיווער פאָלקס־ציוניזם, וועלכער האָט צום ערשטען מאָל פאָרמולירט ניט נור אַ פּראָגראַם פון טעטיגקייט, נאָר אויך אַ טעאָריע, אַ ציוניסטישע שיטה.

אויפן פינפטען קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען ווידער אין באַזעל אין דעצעמבער 1902, איז טאַקי געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישען איהר און דער מעהרהייט פונ׳ם קאָנגרעס צוליב דער קולטור־פראַגע. די פראַקציע איז אַרויס פון זאַל, ווען איהר פאָדערונג אַריינצונעהמען די קולטור־אַרבייט איז אָבגעוואָרפען געוואָרען. צום ערשטען מאָל האָט זיך בעוויזען פאַר די דער־שראָקענע אויגען פון די קאָנגרעס דעלעגאַטען די מעגליכקייט פון אַ שפּאַל־טונג. הערצל אַליין האָט געמוזט געהען אויף אַ פערזאַמלונג פון דער פראַק־ציע, אום צו דערפיהרען צו אַ קאָמפּראָמיס. לויטן קאָמפּראָמיס איז די ער־ציהונגס־אַרבייט ערקלעהרט געוואָרען אַלס אַ אינטעגראַלער בעשטאַנד פון ציוניזם. די פראַקציע איז צוריק אַריין אין זאַל אַלס אָרגאַניזירטע אָפּאָזיציע און הערצל האָט קוויטירט איהר ערשיינען מיטן פראַנצויזישען שפּריכוואָרט, אַז וואָס שטאַרקער ס׳איז דער ווידערשטאַנד פון געגענשטאַנד, אויף וועלכען מען שפּאַרט זיך אָן, אַלס פעסטער קאָן מען זיך אויף איהם אָנשפּאַרען אין דער ציוניסטישער בעוועגונג איז ענטשטאַנען אַנ׳אָפּאָזיציע, וואָס האָט אָנגע־הויבען צו ווירקען אויפן גאַנג פון דער ציוניסטישער אַרבייט ביז זי האָט אי־בערגענומען די לייטונג.

הערצל האָט געקאָנט דערצעהלען דעם V קאָנגרעס וועגען דער אויד־יענץ אין אילדיז קיאָסק, וועגען דער פריינדשאַפטליכער בעציהונג פונ׳ם סולטאַן, האָט אָבער געמוזט געבען אָנצוהערען, אַז זיינע בעמיהונגען צו געפינען געלד אויף צו פערווירקליכען זייז פּלאַן זענען געווען אומזיסט. ער האָט אַפילו גע־קאָנט דערצעהלען, אַז די באַנק האָט אָנגעהויבען איהר טעטיגקייט נאָך שווערע יאָהרען פון וואַרטען אויפן נויטיגען קאַפּיטאַל פון אַ פערטעל מיליאָן פונט (וואָרום די האַנדגעלדער, וועלכע זענען צונויפגעזאַמעלט געוואָרען ביי דער ערשטער ווענדונג זענען צו אַ גרויסען טייל ניט ערגענצט געוואָרען), אַז עס איז געגריגדעט געוואָרען אַ טאָכטער געזעלשאַפט, וואָס וועט אַרבייטען אין ארץ־ישראל אונטערן נאָמען אַנגלאָ־פּאַלעסטינא קאָמפּ. ער האָט געקאָנט אָנווייזען, אַז מען קאָן איצט צוטרעטען צו דער גרינדונג פון דער גרויסער געזעלשאַפט אויף צו קויפען לאַנד, וועגען וועלכער ער האָט אַזוי פיעל מאָל גערעדט אין זיינע אונטערהאַנדלונגען. די מאַשינעריע וועט אויף אַזאַ אופן פאַרטיג זיין, אַלע דראָהטען זענען אָנגעצויגען, עס פעהלט בלויז דער שטראָם, וועלכען דאָס פאָלק מוז געבען, האָט הערצל שטאָלץ געקאָנט זאָגען.

טראָץ דעם ווידערשטאַנד פון פּאָרזיכטיגע יוריסטען איז צוליב דער דירעקטער פאָדערונג פון הערצל'ן געגרינדעט געוואָרען דער יודישער נאַציאָנאַל פאָנד. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז דאָס לאַנד, וואָס וועט דורך איהם געקויפט ווערען זאָל געהערען דעם יודישען פאָלק און בלויז געגעבען ווערען אין אַרענדע די קאָלאָניסטען. דער דאָזיגער פּרינציפּ האָט ניט אַרויסגערופען קיין ווידערשטאַנד צוליב פערשידענע מאָטיווען. פון איין זייט האָט מען דאָך געמיינט, אַז אָנהויבען קויפען באָדען וועט דער נאַציאָנאַלפאָנד ערשט נאָכדעם ווען עס וועט ערהאַלטען ווערען דער טשארטער. צו וואָס אַלזאָ אָנהויבען איצט דעם שטרייט? פון דער אַנדערער זייט האָט מען פערשטאַנען, אַז דערמיט וועט מען פערהיטען פאַר ספּעקולאַציע און אויפטרייבען דעם פרייז פון באָדען. פאַר די רעליגיעז-געשטימטע דעלעגאַטען און פאַר די ראָמאַנטיקער איז עס געווען אַנ'ערפילונג פון אַנ'אַלט יודישען געבאָט, פון אַ מצוה פון דער תורה (דער באָדען געהערט צו מיר, האָט געזאָגט גאָט, ד. ה. צום פאָלק), מען האָט דערמאָנט דעם אינסטיטוט פון יובל און ד. ג. פאַר די פּראָגרעסיווע עלעמענטען איז עס געווען אַ פּרינציפּ פון סאָציאַלער גערעכטיגקייט, אַ בעווייז אַז דער ציוניזם געהט אויף די וועגען פון פּראָגרעס און סאָציאַלען יושר. עס איז ענטשטאַנען נאָך אַ ווערקצייג פון צווישען די מכשירים וועלכע הערצל האָט אויפגעבויט פאַר דער בעוועגונג. ווי אַלע פינאַנציעלע אינסטיטוציעס, וועלכע הערצל האָט געשאַפען, איז דער נס נאַציאָנאַל פאָנד בעשטימט געוואָרען פאַר דער צוקונפטיגער טעטיגקייט: ער האָט געדאַרפט אָנהויבען קויפען באָדען ערשט ווען ער וועט צונויפזאַמלען 200,000 פונט.

דער 5-ער קאָנגרעס האָט אויך אָנגענומען אַ פולען סטאַטוט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. הערצל אַליין איז געווען דער רעפערענט. עס זענען פעסטגעשטעלט געוואָרען גאַנץ ברייטע אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען, אַז אַלע ציוניסטישע קאָנצעפּציעס און שאַטירונגען זאָלען האָבען פּלאַץ צווישען זיי. עס איז געשאַפען געוואָרען אַ אָרגאַניזאַציע פאַרן גאַנצען פאָלק, אַנ'ארט יודענשטאַט אונטערוועגס. און זי איז געבויט געוואָרען אויף גאַנץ נייע יסודות, פון וועלכע דאָס יודישע פאָלק האָט ביז צום ענטשטעהען פון ציוניזם גאָר ניט געוואוסט.

אין צענטרום פון דער אָרגאַניזאַציע איז געשטעלט געוואָרען דער קאָנגרעס, אַלס די געוועהלטע פערטרעטונג פונ'ם פאָלק. ניט פיהרער ענטשיידען, נאָר דאָס אָרגאַניזירטע פאָלק. ניט רייכע און גרויסע, ניט די וואָס האָבען קאַפּיטאַל אָדער איינפלוס ביי פרעמדע, ווי עס איז געווען פאַרן ציוניזם, ניט אַפילו אויטאָריטעטען פון רעליגיעזער אָדער וועלטליכער געלערנטקייט, נאָר געוועהלטע דורכן פאָלק. און זיי זענען אויך פעראַנטוואָרטליך פאַרן פאָלק. יענע האָט מען ניט געקאָנט אַראָבוואַרפען, זיי זענען פונ'ם פאָלק אָבהענגיג, וואָס זיי זאָלען ניט טהון, ווי זיי זאָלען ניט פיהרען, די אָבער מוזען ערפיהלען דעם ווילען פון פאָלק, וואָרום אַ ניט וועלען זיי אויפהערען צו פיה-

רען. וועהלען און געוועהלט ווערען קאָן יעדער יוד, וואָס צאָהלט אַ שקל, דעם קלענסטען אָפּצאָהל, יעהרליך. דאָס האָט ווידער געשאַפען אַ לייכטען צוטריט צו דער אָרגאַניזאַציע און אַ מעגליכקייט אַרומצונעהמען דאָס גאַנצע פאָלק. עס איז אַזוי ווי געשאַפען געוואָרען אַ יודישע בירגערשאַפט, די בירגערשאַפט פונ׳ם יודענשטאַט אונטערוועגס.

מיט אַ שטאָלצער זיכערקייט האָט הערצל געקאָנט זאָגען: די מאַשינעריע איז פאַרטיג, די דראָהטען אָנגעצויגען, דאָס איבריגע הענגט אָפּ פון פאָלק. און וועגען דעם דאָזיגען איבריגען, דעם געלד, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געפעהלט הערצל׳ן, וואָס איז געווען לויט זיין מיינונג די איינציגע שטערונג אויף זיין וועג צום ציעל, האָט געהאַלטען אַ שאַרפע און בייסענדע רעדע זאַנגוויל. ער האָט אונבע׳רחמנות׳דיג קריטיקירט די טעטיגקייט פון יק״א, וועלכע איז אַ גרויסע מאַשין. וואָס קנאַקט ניסלעך און געפאָדערט געלד פאַרן לאַנד, וואָס עס פעהלט געלד אום עס זאָל ערהאָבערט ווערען.

עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרען דער קאַמף פון ציוניזם מיט די גרויסע און קאַפּיטאַל-קרעפטיגע פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס.

זעקסטע לעקציע

די בעוועגטעסטע צייט פון דער הערצלישער עפּאָכע. — הערצלס פערשטאַרקטע טעטיגקייט. — די אונטערהאַנדלונגען מיט טערקיי פיהרען צו קיין שום רעזולטאַט. — הערצל פאָדערט בלויז פון חיפה ביז כנרת פון מזרח און ביז ליטאַניא צו צפון. — ער ערפיהלט די פאָדערונג פון אַ גרעסערער סומע געלד וואָס זאָל ליגען אין די בענק צו זיין רשות. — קיין רעזולטאַט. — די אונטערהאַנדלונגען ווערען איבערגעריסען אין ביז צו זיין טויט געלינגט איהם נים זיי צו בענייען. — הערצל זוכט נייע וועגען. — די ענגלישע קאָמיסיע וועגען איינוואַנדערונג. — הערצל ווערט איינגעלאַדען. — די דערנעהנטערונג צו ראָטשילד׳ן. — הערצל׳ס עדות זאָגען. — די דערנעהנטערונג צו די ענגלישע רעגירענדע קרייזען. — דער פּראָיעקט צו קאָלאָניזירען אל עריש. — אונטערהאַנדלונגען מיט עגיפּטען. — די בעציהונג פון לאָרד קראָמער. — די עקספּעדיציע ס׳פעהלט וואַסער. — דער פּראָיעקט צו פיהרען וואַסער פון ניל. — אָבזאָג. — די לאַגע אין רוסלאַנד. — די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע שטייגט. פּרובען אַרויסרייסען אַרבייטער, יודען. — דער מינסקער צוזאַמענפאָהר. — אחד-העם. — אוסישקין. — דער לינקער פליגעל פון דער פראַקציע. — די פראַגע פון געגענוואַרטס-אַרבייט. — ציוניסטישע אַרבייטער-גרופּען. — פּועלי-ציון. — דער חשד אויפן ציוניזם וואַקסט ביי דער רוסישער רעגירונג. — דער פּאָגראָם אין קישיניעוו. — ביאַליק׳ס עיר ההרגה. — זעלבסטשוץ. — מען מוז וואָס שנעלער ראַטעווען. — הערצלס רייזע צו פּלעווע. — די געשפּרעכען מיט איהם און מיט וויטטען. — פּלעוועס בריעף. — קלאָרע דיבורים. — די רמזים אויפן באַנקעט אין פּעטערבורג. — די אויפנאַהמע אין ווילנא. — מיט וואָס איז הערצל געגאַנגען צום זעקסטען קאָנגרעס.

די לעצטע צוויי יאָהר פון הערצל׳ס לעבען זענען געווען די בעוועגטעסטע און טראַגישעסטע, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געאיילט אויסצופּרובירען אַלע

וועגען, אַלע מעגליכקייטען, וועלכע ער האָט געפינען און וועלכע דער גורל זיינער האָט איהם געגעבען. אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט בעווייזען פאַר זיך, פאַר זיין דור און פאַר די קינפטיגע דורות, וואו אַהין זיין וועג פיהרט און מיט וואָס ענדיגט ער זיך. הערצל׳ס קורץ ציוניסטיש לעבען איז פערענדיגט געוואָרען ווי אַ קונסטפולע טראַגעדיע אין דער העכסטער שפּאַנונג מיט דער קאַטאַסטראָפע פון אוגאנדא און מיטן טויט. צווישען איהם און צווישען דער בעוועגונג האָט זיך געעפענט אַ תהום, וועלכען דער פּלוצלינגער טויט זיינער האָט אויסגעפיהלט, און הערצל איז געבליבען דער סימבאָל פון בעפרייאונג, דער אונפערגעסליכער וועגווייזער און פיהרער, ביי וועלכען מען הערט ניט אויף צו זוכען און צו געפינען אָנווייזונגען, רמזים, ליכט און רוח הקדש, וואָס דינט אונז אויף אונזערן שווערען וועג. דער פיהרער, וואָס האָט געלייגט די פעסטעסטע פונדאַמענטען פונם בנין פון דעם יודענשטאַט אונטערוועגס, וואָס האָט געשאַפען, וואָס האָט געשמידט די בעסטע און שטאַרקסטע ווערקציינ פון אונזערן קאַמף און פון בנין, איז שנעל אַרומגערינגעלט געוואָרען מיטן גלאַנץ און מיטן פראַכט, מיט דער פערעהרונג און מיט דער ליבע, ווי אַ פאָלקספיהרער, וואָס האָט געפּרובט אויסצולייזען זיין פאָלק, וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך זיין אונענדליכען צער און פיין, זיין נאָגענדע און בייסענדע אונגעדולד און האָט זיך פערברענט אין קאַמף, אין אַרבייט, אין ראַנגעלניש מיט דער וועלט, מיט זיין פאָלק. דאָס קורצע ציוניסטישע לעבען פון הערצל׳ן איז געוואָרען אַ לעגענדע, פון יענע לעגענדעס, וואָס בעלייכטען דעם מיהזאַמען און לאַנגען בעפרייאונגס וועג, וואָס גיבען קראַפט און אויסדויער, גבורה און אונערשיטערטע אמונה, אַז די גאולה וועט דערגרייכט ווערען. הערצל האָט געוואָלט, האָט געהאָפט צו האָבען קפיצת הדרך, דאָס פאָלק געהט, קלעטערט אויפן הויכען בארג פון פרייהייט און אויפלעבען, פאַלט, שטעהט אויף, פאַלט ווידער און שטעהט אויף ווידער, קומט אָבער אַלץ נאָהענטער צו דעם שפּיץ בארג, צו וועלכען הערצל האָט געוואָלט אַז זיין פאָלק זאָל זיך אַרויפכאַפּען מיט איין שפּרונג.

*

נאָכן 5־טען קאָנגרעס זעצט הערצל פאָר זיינע בעמיהונגען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אין פעברואַר 1902 ווערט הערצל אַרויסגערופען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דאָס מאָל ווערט ער ניט אָנגענומען דורכן סולטאַן, הגם ער איז זיין גאַסט. דאָס געשפּרעך ווערט געפיהרט מיטן צווייטען סעקרעטאַר איזעט־ביי. די טערקישע פאָרשלאַגען דרעהען זיך אַרום דעם אַלטען: דער סולטאַן איז גרייט צו עפענען די טויערען פון זיין מלוכה פאַר יודען, אָבער מיט אויסנאַהם פון ארץ־ישראל. די איינוואַנדערונג קאָן ניט זיין קיין מאַסענהאַפטע, און די יודען דאַרפען זיך בעזעצען אין די געגענדען, וועלכע מ׳וועט זיי אָנ־

ווייזען. זיי מוזען ווערען אָטאָמאַנישע בירגער און זיינען אין טערקישען מי־ליטער. דערפאַר דאַרף געגרינדעט ווערען אַ יודישער סינדיקאַט, וואָס זאָל העלפען קאָנסאָלידירען די טערקישע חובות אויף גוטע בעדינגונגען, גרינדען אַ געזעלשאַפט אויף צו עקספּלאָאַטירען די בעוועגונג, דער ראַט פון וועלכער זאָל בעשטעהען צו העלפט פון טערקישע מוזולמענער און פון טערקישע יודען, שאַפען אויף גוטע בעדינגונגען די קאַפּיטאַלען, וואָס זענען נויטיג פאַר געזעל־שאַפטליכע אַרבייטען, וועלכע די רעגירונג פיהרט. הערצל האָט, פערשטעהט זיך, אָבגעוואָרפען דעם דאָזיגען פאָרשלאַג. דערמיט זענען אָבער די אונטער־האַנדלונגען ניט איבערגעריסען געוואָרען. הערצל האָט זיך גענומען צו שאַ־פען אַ פאָנד פון דריי מיליאָן פראַנק, וועלכען איזעט־ביי האָט גערעדט, כדי צו בעווייזען, אַז ס'זענען פערהאַנען די נויטיגע גאַראַנטיען פאַר דער ערנסט־קייט פון'ם ענין. מיט גרויס מיה געלינגט הערצל'ן צו בעקומען די נויטיגע אַקרעדיטיוון פון דער קאָלאָניאַל באַנק, די אָנפיהרונג פון וועלכער גלויבט ניט אין דעם ענין און האַלט, אַז אַזעלכע אָפּעראַציעס שטערען בלויז די ענטוויקלונג פון דער באַנק. פאַר הערצל'ן אָבער איז זי בלויז אַ פינאַנציעלער אינ־סטרומענט פון דער ציוניסטישער בעוועגונג, פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק, און ער גיט אַ בעפעהל, וועלכען די באַנק לייטונג ערפיהלט. דער אַקרידי־טיוו ווערט אָבער בלויז געוויזען און אַנולירט.

הערצל נוצט אויס יעדע געלעגענהייט, כדי אָנצוקניפּען נייע אונטער־האַנדלונגען, ער נעמט אויף דעם פאָרשלאַג פון דער דעמאָקראַטישער פּראַק־ציע וועגען גרינדען אַ יודישען אוניווערזיטעט אין ירושלים און ווענדעט זיך מיט איהם צום סולטאַן. אָבער עס העלפט ניט. אין די תשובות, וועלכע ער בעקומט שוין יאָ ווערט געפאָדערט, אַז ער זאָל פאָרלייגען, וועלכע פינאַנ־ציעלע דינסטען קאָן ער מיט זיינע פריינד בעווייזען דער טערקישער מלוכה.

הערצל נוצט אויס יעדע מעגליכקייט, שיקט איבער קיין קאָנסטאַנטינאָ־פּאָל פּראָיעקטען, שטעלט פאָדערונגען. אָבער עס ריהרט זיך ניט פון אָרט. דערוויל געהען פערהאַנדלונגען פון דער טערקישער רעגירונג מיט אַ פראַנ־צויזישער גרופּע וועגען קאָנסאָלידירען די „דעט פּובליק".

סוף יולי 1902 ווערט הערצל צום דריטען מאָל אַרויסגערופען קיין קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל. זיינע פאָדערונגען זענען שוין קאָנקרעטע און אויך מינימאַלע. ער איז גרייט צו העלפען קאָנסאָלידירען די טערקישע חובות בתנאי, אַז ער וועט בעקומען אַ טשאַרטער צו בעזעצען די יודען אין מעסאָפּאָטאַמיען און אין חיפה און אין דער סביבה — פון טייך ליטאַניה פון צפון ביז כרמל פון דרום און ים כנרת פון מזרח. עס קומט פאַר אַפילו אַ געשפּרעך מיטן גרוי־סען וויזיר. אָבער עס ריהרט זיך ניט פון אָרט. הערצל שלאָגט פאָר 1,600,000 פונט פאַרן רעכט פון קאָלאָניזאַציע — אָבער אַלץ איז אומזיסט. די פּלענער פון דער פראַנצויזישער גרופּע ווערען דערוויל אַקצעפּטירט, און

דער טערקישער פּאָרשלאַג בלייבט דער זעלבער. אַ צושטרייטע איינוואַנדערונג אין געגענדען, וועלכע די רעגירונג וועט בעשטימען, און די יודען זאָלען אָננעהמען די טערקישע אונטערטאַנשאַפט מיט אַלע איהרע פליכטען.

אין אָקטאָבער האָט הערצל אָבגעגעבען אַ דין וחשבון מכח אַלע אונטערהאַנדלונגען דעם אַקציאָנס־קאָמיטעט, אויף אַ געשלאָסענער זיצונג. ער האָט קאָנסטאַטירט אָפען, אַז די אונטערהאַנדלונגען זענען אַזוי גוט ווי איבער־געריסען, און האָט ניט קיין האָפנונג, אַז זיי זאָלען אין קורצען בעניייט ווע־רען. עס הענגט אָב פון דער לאַגע פון טערקיי. די ציוניסטישע בעוועגונג האָט זיך דערשלאָגען צו פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישע רעזולטאַטען, פון וועלכע קיינער האָט ניט גע'חלומט. עס איז אָבער אויך בעוויזען געוואָרען איהר פינאַנציעלע הילפסלאָזיקייט. מען מוז ווייטער אַרבייטען, פערשטאַרקען דעם איינפלוס פון דער בעוועגונג און איהר פינאַנציעלע יכולת. מען טאָר ניט פערעפענטליכען, אַז דער סולטאַן וויל ערלויבען אַנ'איינוואַנדערונג קיין טערקיי. אָהן אַ טשארטער זענען ניטאָ קיין שום גאַראַנטיעס. ער איז גרייט צו וואָרנען די יודען פון דעם, אויב דער דאָזיגער פּאָרשלאַג זאָל פערעפענטליכט ווערען.

דאָס איז געווען אַ אומזיסטע מורא. די איינוואַנדערונג, וועגען וועלכער דער טערקישער פּאָרשלאַג האָט גערעדט, האָט דאָך אויסגעשלאָסען ארץ־ישראל. קיינער האָט זיך ניט אינטערעסירט מיט איהם און ניט אָנגעכאַפּט פאַר איהם.

אינצווישען האָבען זיך פאַר הערצל'ן ברייטער געעפענט די טויערען פון ענגלאַנד. ער איז איינגעלאַדען געוואָרען אַלס עקספּערט צו דער פּאַרלאַמענטאַרישער קאָמיסיע, וואָס האָט געהאַט אַלס אויפגאַבע צו שטודירען דאָס פּראָבלעם פון דער יודישער איינוואַנדערונג קיין ענגלאַנד, געגען וועלכער עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ גוואַלדיגע אַגיטאַציע. לאָרד ראָטשילד, וואָס איז געווען אַ מיטגליד פון דער דאָזיגער קאָמיסיע, האָט זיך אַפילו אַנטקעגענגעשטעלט דער דאָזיגער איינלאַדונג, מורא האָבענדיג פאַר דעם „ציוניסטישען אַנטיסעמיטיזם" פון הערצל'ן, אָבער די קאָמיסיע האָט איהם ניט געוואָלט הערען. הערצל האָט אויסגענוצט די דאָזיגע געלעגענהייט אום אָנצוקניפּען בעציהונגען מיט ראָטשילד'ן און מיט ענגלישע פּאָליטיקער און אום צו ענטוויקלען פון דער נייער טריבונע דאָס בילד פון דער יודישער נויט און דאָס גרויסע יודישע פּראָבלעם. דערביי האָט ער זיך געהיט צו רעדען אַזוי, אַז עס זאָל קאָנען אויסגעטייטשט ווערען לרעת פון די יודען.

ער האָט געוואונען די סימפּאַטיעס פון דער קאָמיסיע, אַפילו פון לאָרד ראָטשילד'ן מיט וועלכען ער איז געבליבען אין נאָהענטע בעציהונגען פון יענער צייט אָן.

די אַרבייט פון דער קאָמיסיע האָט די יודען ניט געהאָלפען. די יודישע איינוואַנדערונג קיין ענגלאַנד איז אַזוי גוט ווי אָבגעשטעלט געוואָרען אין גאַנצען. אָבער אין ברייטע ענגלישע קרייזען און אין דער רעגירונג האָט מען געפיהלט, אַז מ׳איז בעגאַנגען אַן׳עולה לגבי די יודען און מ׳איז געבייגט געווען זיי עס צו פערגיטיגען. הערצל האָט אויסגענוצט זיינע נייע בעציהונגען, כּדי צו עפענען אַ וועג קיין ארץ־ישראל און שאַפען אַ גרעסערע קאָלאָניזאַציע מעגליכקייט. טראָץ ראָטשילד׳ס אונווילען איז געלונגען מיט דער הילף פון י. ל. גרינבערג, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָליע אין די לעצטע הערצל׳ס בעמיהונגען, צו בעקומען אַן׳אוידיענץ ביי יוסף צ׳עמבערלען, וואָס איז געווען דער איינפלוסרייכסטער מיניסטער אינ׳ם דעמאָלדיגען קאַבינעט. הערצל האָט איהם פאָרגעשלאָגען צו געבען אַ טשארטער אויף צו קאָלאָניזירען ציפּערן, אָבער צ׳עמבערלען האָט ניט צוגעשטימט. ער האָט מורא געהאַט פאַר אַ ווידערשטאַנד פון די גריכען, וואָס קאָן ברענגען, האָט ער געזאָגט, צו אַריינמישונג פון רוסלאַנד און צו פערוויקלונגען. ער האָט פאָרגעלייגט, אַז הערצל זאָל זיך אויסקלויבען עפּעס אַנדערש, דערמאנט וועגען אוגאנדא, וועלכע ער האָט לעצטענס בעזוכט. הערצל האָט פאָרגעשלאָגען אל־עריש, דעם דרומדיגען טייל פון ארץ־ישראל ביז צ.ם סועץ קאַנאַל מיטן האַלב אינזעל סיני.

מיט צ׳עמבערלען׳ס הילף איז דער פאָרשלאַג אל־עריש אָנגענומען געוואָרען, און גרינבערג איז געשיקט געוואָרען קיין מצרים צו דער עגיפּטישער רעגירונג און דעם ענגלישען קאָמיסאַר לאָרד קראמער. אין דער זעלבער צייט איז צונויפגעשטעלט געוואָרען אַן׳עקספּעדיציע, וואָס האָט געדאַרפט אויספאָרשען דאָס דאָזיגע וויסטע לאַנד און בעשליסען, צי ס׳איז מעגליך אין איהם אַ גרעסערע קאָלאָניזאַציע. געגען דעם דאָזיגען פּראָיעקט האָט זיך קיינער אין דער בעוועגונג ניט אַנטקעגענגעשטעלט, אַזוי ווי זיינער צייט געגען ציפּערן, ווארום יעדער האָט פערשטאַנען, אַז אל עריש איז דרום ארץ־ישראל און קאָן ווערען אַ טויער אין אַנדערע געגענדען פון ארץ־ישראל. מיט אונגעדולד האָט מען געוואַרט אויף די רעזולטאַטען פון דער עקספּעדיציע און פון די אונטערהאַנדלונגען. נאָך גרעסער איז געווען די אונגעדולד פון הערצל׳ן, וועלכער האָט זיך באַלד גענומען אויסצואַרבייטען אַ טשארטער און געפאָדערט פון גרינבערג׳ן, ער זאָל זיך פערזיכערן וועגען דעם נאָך איידער די עקספּעדיציע איז צוריקגעקומען.

דאָס האָט אָבער ניט געוואָלט לאָרד קראמער. ער איז בכלל געווען קאַלט און האָט ניט געקאָנט בעגרייפען, צו וואָס איז די איילעניש. דאָס ערשטע צוזאַמענטרעפען זיך פון די ציוניסטישע פאָרשטעהער מיט די ענגלישע אַדמיניסטראַטאָרען אין די קאָלאָניעס איז ניט אויסגעפאַלען ווי אַמבעסטען. עס שיינט, אַז לאָרד קראמער איז פון אָנהויב אָן ניט געווען ניחא דער גאַנ־

צער פאָרשלאַג, ער האָט בלויז געוואָרט אויף אַ גוטע אויסרייד, אום פון איהם פּטור צו ווערען. הערצל האָט בכלל ניט פערשטאַנען, וואָס קומט פאָר אין קאַאיראָ, און איז אַליין געפאָהרען אַהין צוצואיילען דעם ענין. עס איז אַפילו געקומען צו מיספערשטענדנישען צווישען איהם און גרינבערג'ן, וועלכער, אַלס ענגלישער יוד, האָט זיך גיכער געקאָנט צופּאַסען צו דער מענטאַליטעט און געוואוינהייטען פון אַנ'ענגלישען אַדמיניסטראַטאָר. אויך דער טערקישער געזאַנדטער האָט אינטריגירט געגען דעם פּלאַן. ער האָט אויך געהאַט וואָס צו זאָגען, וואָרום דער עגיפּטישער רעדיוו איז צו יענע צייטען געווען בעשטימט פונ'ם טערקישען סולטאַן.

דאָס אַלץ צוזאַמען האָט בעשטימט דעם גורל פונ'ם פּראָיעקט. ווען די עקספּעדיציע האָט געבראַכט איהר דין וחשבון און האָט אַרויסגעזאָגט איהר מיינונג, אַז אָהן וואַסער פון נילוס איז אַ קאָלאָניזאַציע פון אייראָפּעער אונמעגליך, איז באַלד געקומען אַ בעשלוס פון דער עגיפּטישער רעגירונג און פון לאָרד קראמער, אַז עס איז אונמעגליך צו געבען וואַסער פון נילוס (מ'וואָלט געדאַרפט לייגען רעהרען אונטער וואַסער פון סועץ קאַנאַל), און דעריבער קאָן דער פאָרשלאַג ניט אויסגעפיהרט ווערען. צי איז דער דאָזיגער ענטפער בלויז געווען אַנ'אויסרייד? צי האָבען דאָ געווירקט אויך סטראַטעגישע מאָטיווען, די אַנזיכט, אַז דער מדבר איז די בעסטע פערטיידיגונג פון סועץ-קאַנאַל? (די לעצטע אַנזיכט איז גלענצענד צערשטערט געוואָרען דורך די דייטש-טערקישע אַרמעע, וועלכע האָט בשעת דעם וועלט קריעג אָהן גרויסע שוויריגקייטען בעוויזען דורכצוגעהען דעם מדבר און אנצוגרייפען דעם סועץ-קאַנאַל טאַקי פון דער מזרח זייט). וואַהרשיינליך האָבען געווירקטביידע סבות און דער עיקר דער פשוטער אונווילען מצד מצרים, ווי אויך דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע.

ווידער אַמאָל איז פערלוירען געגאַנגען אַ האָפנונג, וועלכע האָט הערצל'ן אויפגעמונטערט און געבראַכט צו אַ פיבערהאַפטער טעטיגקייט. די פערהאַקטע טהיר אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט זיך ניט געוואָלט עפענען טראָץ אַלע זיינע בעמיהונגען. און די יודישע לאַגע איז געוואָרען אַלץ ערגער און ערגער. די אויסוואַנדערונגס נויט פון די יודישע מאַסען איז געוואָרען אַלץ שרעקליכער. אין רוסלאַנד איז געוואָרען די אַטמאָספערע אַלץ שווערער און שווערער. דער קאַמף מיט דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, אין וועלכער די יודישע אינטעליגענץ און אויך די יודישע אַרבייטער פון די מערב-געגענדען האָבען געשפּילט אַ בעדייטענדע ראָליע, ס'איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ קאַמף מיט יודען. ניט דער דאָזיגער קאַמף איז געפיהרט געוואָרען נור מיט בעגרענצונגען פון רעכט, נאָר אויך און, דער עיקר, פּאָגראָמען אויף יודען.

די בעציהונג צום ציוניזם איז אין רוסלאַנד צו יענע צייטען געוואָרען אַלץ ערגער און ערגער. עס איז פריהער אַפילו געמאַכט געוואָרען אַ פּרוב צו

געבען דער ציוניסטישער בעוועגונג נאָך גרעסערע פרייהייטען, ווי זי האָט געהאַט. דאָס איז געשטאַנען אין אַ געוויסען צוזאַמענהאַנג מיט דער שיטה, וועלכע דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט געפּרובט אָנצעווענדען אויך צו דער אַרבּייטער בעוועגונג, כּדי זי אָבּצורייסען פון דער רעוואָלוציע. אין מאָסקווע, אין אָדעס און אין מינסק זענען געשאַפען געוואָרען מעגליכקייטען פאַר אַרבּייטער פעראיינען, וואָס זענען געווען האַלב לעגאַל און געפיהרט געוואָרען פון געוועזענע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע מען האָט געוואונען פאַרן געדאַנק פון אַ לעגאַלער פּראָפעסיאָנעלער אַרבּייטער־בעוועגונג. מען האָט זיך אויך געוואָלט איבערצייגען, וואָס איז באמת די ציוניסטישע בעוועגונג, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק פערשפּרייט און אָנגענומען עפּעס פערדעכטיגע פאָרמען, ניט אָרגאַניזירט דעם עקזאָדוס, נאָר אָנגעהויבען צו אינטערעסירען זיך מיט געגענוואַרטס אַרבּייט, מיט קולטור, מיט וועקען דאָס נאַציאָנאַלע בעוואוסטזיין.

דער צוזאַמענפאָהר אין מינסק, אין אויגוסט 1902, איז געווען דער ערשטער און דער לעצטער ערלויבטער גרויסער צוזאַמענפאָהר פון די ציוניסטען אין צאַרישען רוסלאַנד. די צוזאַמענפאָהרען, וואָס זענען פאָרגעקומען פאַר איהם, זענען אַלע געווען אָהן ערלויבנישען. עס וואָלט, פערשטעהט זיך, געווען נאַאיוו צו מיינען, אַז די פּאָליציי האָט פון זיי ניט געוואוסט, זי האָט בלויז געקוקט דורך די פינגער, וואָרום די ציוניסטען האָבען געקליבען זיך אַרויסצופיהרען יודען פון רוסלאַנד און אָבגעריסען די יודען פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג.

אין מינסק האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט פערטרעטער פון אַלע ציוניסטישע גרופּען. עס איז געקומען אַ שטאַרקע פערטרעטונג פון די רעליגיעזע ציוניסטען, וואָס האָבען זיך שפּעטער אָרגאַניזירט אַלס „מזרחי״, די מיטגלידער פון דער דעמאָקראַטישער פראַקציע, אין וועלכער עס האָט זיך אָנגעהויבען בילדען אַ לינקער פליגעל. עס זענען ערשיענען אויך די פּועלי־ציון און פערטרעטער פון דער סאָציאַליסטיש געשטימטער יוגענד גרופּען פון דרום־רוסלאַנד, קינפטיגע גרינדער פון די סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע פּאַרטייען. דאָס רוב אָבער האָבען געבילדעט די ציוניסטען סתם, וואָס האָבען אָנגענומען דעם הערצלישען ציוניזם, אָבער געפאָדערט אַ פּאָזיטיווע בעציהונג אי צו דער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, אי צו דער קולטורעלער אַרבּייט. אחד־העם, וואָס איז געשטאַנען בּיי זייט פון דער בעוועגונג און האָט זיך ניט בעטייליגט אין קיין שום קאָנגרעס נאָכן ערשטען, איז איינגעלאַדען געוואָרען אַלס רעפערענט פונ׳ם קולטור־רעפעראַט.

דער מינסקער צוזאַמענפאָהר האָט בעוויזען, אַז דער ציוניזם אין רוסלאַנד וויל זיך ניט בעגנוגענען מיט וואַרטען אויף דעם דיפּלאָמאַטישען ענטשיידענדען נצחון און אויף דעם עקזאָדוס, וואָס האָט געדאַרפט נאָך איהם קומען. ער האָט געהאַט צו טהון מיט לעבעדיגע בעדערפנישען פון פאָלק, מיט

אַ מאַסן־בעוועגונג, וואָס האָט געפאָדערט אַ ענטפער אויף די טאָג־טעגליכע פראָבלעמען פון לעבען. אין מינסק האָט זיך טאַקי געפיהלט, אַז דער ציוניזם אין רוסלאַנד געהט אין דער ריכטונג. דאָס איז געווען קענטיג ניט נור פונ׳ם רעפעראַט פון אחד־העם, נאָר אויך פון אוסישקין׳ס רעפעראַט וועגן אָרגאַניזאַציע און פון פיעל רעדעס און אַרויסטרעטונגען. די קולטור־פראַגע איז ניט געלעזט געוואָרען אין דעם זין, אַז ס׳איז אָנגענומען געוואָרען אַן איינהייטליך פראָגראַם. עס איז אונמעגליך געווען צו שאַפען אַ סינטעז צווישען די וועלטליכע בעגריפען פון קולטור און צווישען די רעליגיעזע. און קיינער האָט ניט געוואָלט אָבשטויסען די רעליגיעזע ציוניסטען. ס׳איז אָבער בעשלאָסען געוואָרען, לויטן פאָרשלאַג פון אחד־העם, צו שאַפען פאַר קולטור־אַרבייט צוויי אויטאָנאָמע קאָמיסיעס, אַ פרייע און אַ רעליגיעזע. די קולטור אַרבייט איז פערשטאַנען געוואָרען אַלס ערציהונג פון פאָלק צו אַ נייעם לעבען און צו נייע אויפגאַבען. אין דעם דאָזיגען בעשלוס איז פערהאַנען דער קערן פון דער ענטשיידונג, וואָס האָט געגעבען די מעגליכקייט צו ענטוויקלען אין ראַהמען פון ציוניזם און דערנאָך אין ארץ־ישראל אַלע פאָרמען פון קולטור־אַרבייט און ערציהונג די רעליגיעזע, די פרייע וועלטליך־נאַציאָנאַלע און די סאָציאַליסטישע.

א׳סישקין האָט אין זיין רעפעראַט געפאָדערט אַז עס זאָלן געשאַפען ווערען אַ מין ברידערשאַפט פון יונגע לייט, וואָס זאָל זיך אין גאַנצען ווידמען דער ציוניסטישער טעטיגקייט. זיי זאָלען אָבדינען דער אָרגאַניזאַציע וועניגסטענס דריי יאָהר. די אָרגאַניזאַציע קאָן ניט באַזירען אויף פרייוויליגע אַרבייטער, וואָס אַרבייטען לויט זייער ווילען און שטרעמונג. מען האָט דעמאָלט אָנגענומען אוסישקין׳ס פאָדערונג מיט געלעכטער, אָבער ס׳איז אין איהר געלעגען אַן אָנזאָג פון דער שפעטערער ענטוויקלונג פונ׳ם גרויסען אָרגאַניזאַציאָנעלען אַפאַראַט פון איין זייט און פון דער חלוצישער בעוועגונג פון דער אַנדערער.

דער רוסישער פאָליציי־דעפאַרטאַמענט איז געבליבען אונצופרידען מיטן מינסקער צוזאַמענפאָהר. ער האָט דערשפירט, אַז דער ציוניזם איז שוין געוואָרען אַ פאָלקסבעוועגונג, און קאָן שוין ניט בלייבען פרעמד די געגענוואַרטס פראָבלעמען. דער דעמאָקראַטיש פראָגרעסיווער גייסט, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק ביי אַ גרויסען איינפלוסרייכען טייל פון דעם צוזאַמענפאָהר האָט נאָך פערגרעסערט דעם חשד. עס האָבען זיך בעוויזען גיפטיגע רעפעראַטען פון פערשידענע פאָליצייאישע אַגענטען און בעאָבאַכטער פון ציוניזם, און דאָס מיניסטעריום פון אינערן מיטן מיניסטער פלעווע בראש האָט אָנגעהויבען קוקען גאָר קרום אויפן ציוניזם און האָט אַרויסגעגעבען אַ פיינדליכען צירקולאַר געגען דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ס׳איז ענטשטאַנען די געפאַהר, אַז מען וועט אָנהויבען פערפאָלגען די ציוניסטען, ווי אַלע פערדעכ־

טיגע פּאָליטישע פּאַרטייען, און די גאַנצע אָרגאַניזאַטאָרישע און אַגיטאַטאָרישע אַרבייט וועט ווערען אונמעגליך. די בעאונרוהיגטע ציוניסטישע פיהרער האָבען זיך אָנגעהויבען ווענדען צו הערצל׳ן, און ער האָט בעשלאָסען אָנצונעמען מיטלען, אום צו ראַטעווען די מעגליכקייט פון ציוניסטישער אַרבייט אין רוסלאַנד.

אין 19 אַפּריל 1903 איז פּלוצלינג אויסגעבראָכען אַ בלוטיגער פּאָגראָם אין קישיניעוו. מיט איהם האָבען זיך אָנגעהויבען די סעריע פּאָגראָמען אויף יודען, וואָס זייער ציעל איז געווען צו טעראָריזירען די יודישע מאַסען און די יודישע אינטעליגענץ, אָבצושרעקען זיי פון דער רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט און וואַרפען די יודען אַלס קרבן פאַר דעם צורייצטען רוסישען המון. עס איז שווער איצט אויפצוקלערען, פאַרוואָס מען האָט אויסגעקליבען דוקא קישיניעוו אַלס די ערשטע שטאָדט פון אַזאַ פּאָגראָם. ווי תמיד אין אַזעלכע פאַלען האָבען זיך צונויפגעמישט פיעל גורמים — געשאַפענע בכונה דורך דער פּאָליטישער פּאָליציי, וואָס האָט די רעוואָלוציע בעקעמפט, אויסגענוצטע אַנטיסעמיטישע שטימונגען, פערברעכערישע רויב און מאָרד געליסטען פון די פינצטערסטע טיילען פונ׳ם המון. דער פּאָגראָם האָט זיך אויסגעצייכענט מיט געוואַלדיגע אַכזריות, מ׳האָט אויפגעריסען בייכער און אָבגעשניטען בריסטען ביי פרויען, מען האָט זיי געשענדעט פאַר די אויגען פון די מענער, פאָטערס און ברידער, מען האָט געקוילעט און ראַבירט.

דער רושם אויף דער יודישער וועלט איז געווען ניט צו בעשרייבען. ביאַליק האָט אין זיין „עיר ההרגה״ — צוליב צענזור איז די דאָזיגע פּאָעמע אַרויס אונטערן נאָמען „משא נמירוב״ אַ שטאָדט אין אוקראַאינע, וואו די האַידאַמאַקען האָבען געמאַכט אַ שרעקליכע שחיטה צווישען יודען — געגעבען דעם שטאַרקסטען אויסדרוק פון די געפיהלען, וועלכער דער דאָזיגער פּאָגראָם האָט דערוועקט ביים יונגען דור. עס איז געווען צער און צאָרן — דער טיעפסטער צער צוליבן גורל פון די געפּייניגטע און גע׳שחט׳ענע, צוליבן גורל פון דער פערפּייניגטער אומה, און דער ברענענדסטער צאָרן ניט נור געגען די שולדיגער, געגען די רויבער, רוצחים און שענדער, נאָר געגען די יודען זעלבסט, וואָס האָבען ניט בעוויזען קיין שום ווידערשטאַנד און האָבען זיך געלאָזט קוילענען און פּייניגען, ווי הינד, צוטרעטען ווי ווערים. מיט ביאַליקס מויל האָט גערעדט כביכול גאָט אַליין, וואָס זיין נאָמען איז געש׳נדעט געוואָרען דורך זיינע זיהן. צווישען דער ציוניסטישער און סאָציאַליסטישער יוגענד איז ענטשטאַנען אַ געדאַנק, וועלכער איז געשטיצט געוואָרען דורך די פיהרענדע גייסטער ווי אחד־העם, דובנאָוו, די ציוניסטישע פיהרער, צו אָרגאַניזירען זעלבסט־שוצען, וואָס זאָלען אַנטקעגענשטעלען זיך די פּאָגראָם העלדען. דער דאָזיגער געדאַנק האָט געפונען גאָר אַ גרויסען אָבקלאַנג צווישען דער יוגענד, און די אַרבייט האָט זיך אָנגעהויבען. די

זעלבסטשוץ האָט זיך אָנגעהויבען בעווייזען בעת די ווייטערע פּאָגראָמען, און פון איהר האָבען אָנגעהויבען פאַלען קרבנות — טויטע, אַרעסטירטע. פערשיקטע. די ציוניסטישע מחנה און בעזונדערס די יוגענד איז געקומען אין אַ דירעקטען קאָנפליקט מיט דער רוסישער רעגירונג און איהר פּאָליטישער פּאָליציי.

אויף די אויסלענדישע יודישע און ציוניסטישע קרייזען האָט דער דאָזיגער פּאָגראָם געמאַכט גאָר אַנ'אַנדערן רושם. עס איז דערוועקט געוואָרען דאָס טיעפסטע געפיהל פון ברודערליכער רחמנות. דער געדאַנק, מיט וועלכען מען האָט רעאַגירט אויפן פּאָגראָם, איז געווען: י ו ד ע ן מ ו ז ע ן אַ ר ו י ס פ ו ן ר ו ס ל אַ נ ד. דער דאָזיגער געדאַנק איז נאָך פערשטאַרקט געוואָרען דורך דער מאַסען אויסוואַנדערונג, וואָס איז געוואַלטיג געשטיגען נאָכן פּאָגראָם. קיין צפון אַמעריקא אַליין האָבען עמיגרירט אינ'ם יאָהר, נאָכן קישינעווער פּאָגראָם, אַנ' ערך 75,000 יודען. פאַר הערצל'ן איז דאָס אַלץ געווען נאָך איין בעוויז, אַז מען קאָן ניט, אַז מען טאָר מעהר ניט וואַרטען. זיין האַרץ האָט ממש געבלוטיגט און ער האָט זיך געריסען ראַטעווען. דער אָרגאַניזירטער עקזאדוס האָט זיך געמוזט אָנהויבען. קיין ארץ־ישראל האָט ער ניט געקאָנט פיהרען, פון די פּלענער וועגען אל־עריש איז גאָר ניט געוואָרען. אילדיז־קיאסק האָט ניט רעאַגירט אויף קיין שום ווענדונגען. און הערצל בעשליסט צו מאַכען צוויי געוואַגטע שריט: אָנצונעהמען דעם ענגלישען פאָרשלאַג צו בעזעצען יודען אין אוגאנדא און ווענדען זיך צו דער רוסישער רעגירונג. די ביידע אויפטהועכצען האָבען, פערשטעהט זיך, געקאָנט בלויז פערברייטערען און פערטיעפען דעם תהום צווישען דער בעוועגונג, בעזונדערס אין רוסלאַנד, און צווישען הערצל'ן. ער האָט פון דעם געוואוסט, אָבער ווי תמיד האָט ער געשטעלט אויף זיך און אויף זיין צויבער־קראַפט און געוואָלט ראַטעווען אויף וויפיעל ס'איז נור מעגליך די געפייניגטע ברידער, אַרויספיהרענדיג זיי פון רוסישען גיהינום, און עפענען זיך די טהירען פון אילדיז־קיאסק מיט דער רוסישער הילף.

אויך דאָס מאָל איז הערצל'ן ניט געלונגען צוצוקומען צום רוסישען צאַר. דורך דער פערמיטלונג פון דעם וואַרשאווער מיטגליעד פון א"ק ה' יאשינאָווסקי האָט אַ פוילישע גרעפין קארווין־פּיאָטראָווסקאַ אויסגעפועלט פאַר הערצל'ן אַ אוידיענץ ביי פּלעווען, דעם איינפלוסרייכסטען מיניסטער פון אינערן, וועלכער איז בעשולדיגט געוואָרען אין אָרגאַניזירען דעם קישינעווער פּאָגראָם. דער איינדרוק אין אויסלאַנד פון דעם דאָזיגען פּאָגראָם האָט איבערראַשט און פערטומעלט פּלעווען. ער האָט געזוכט מיטלען, ווי איהם אָבצושוואַכען. ער האָט געוואָלט איבערצייגען די אויסלענדישע יודישע מיינונג, בעזונדערס די גרויסע איינפלוסרייכע יודען, אַז דאָס בעסטע מיטעל געגען אַזעלכע פּאָגראָמען איז אָבצורייסען די יודישע אינטעליגענץ, יוגענד און אַר-

ביימענדע יודישע מאַסען פון בעטייליגונג אין דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג. דעריבער האָט ער צוגעשטימט אויפצונעהמען דעם ציוניסטישען פיהרער.

ער האָט איהם געזאָגט גאָר קלאָרע דיבורים. אויב דער ציוניזם הייסט אַרויספיהרען אַ גרעסערען טייל פון יודען פון רוסלאַנד, זאָל זיין קיין ארץ ישראל, איז זיין בעציהונג אַ פּאָזיטיווע און ער איז בערייט אַפילו צו העלפען די ציוניסטען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אויב אָבער דער ציוניזם אין רוסלאַנד וועט געהען דעם וועג פון וועקען דאָס נאַציאָנאַלע געפיהל, פון אָרגאַניזירען די יודישע מאַסען, פון שאַפען אַ נייע יודישע נאַציע אין רוסלאַנד — וועט די בעציהונג זיין אַ נעגאַטיווע מיט אַלע איהרע קאָנסעקווענצען. די יודישע פראַגע איז ניט קיין לעבענספראַגע פאַר רוסלאַנד, אָבער זי איז גענוג וויכטיג. די יודען בעטייליגען זיך אין אַ גאָר גרויסען פּראָצענט אין דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, און דאָס קאָן ניט געדולדעט ווערען, אַזוי ווי די נייע ווענדונג אין ציוניזם, זייט דעם מינסקער צוזאַמענפאָהר. הערצלס פאָדערונגען זענען געווען: 1) רוסלאַנד זאָל העלפען ביים טערקישען סולטאַן, אַז ציוניסטען זאָלען בעקומען אַ טשאַרטער אויף בעזעצען זיך אין ארץ־ישראל, 2) די רעגירונג זאָל העלפען פינאַנסיעל דער עמיגראַציע פון יודען, 3) אַז זי זאָל לעגאַליזירען די ציוניסטישע פעראיינען אויפן יסוד פון באַזעלער פּראָגראַם. ער האָט נאָך צוגעגעבען אַן׳אַלגעמיין יידישע פאָדערונג צו פערברייטערען דעם תחום המושב, צוגעבענדיג צו די גובערניעס, וואו יודען האָבען געמעגט וואוינען, למשל, די קורלענדישע.

פלעווע האָט מסכים געווען צו די ציוניסטישע פאָדערונגען, בעמערקט דערביי, אַז, וואָס אַנבעלאַנגט געלד־שטיצע וועט מען מוזען דאָס געלד נעהמען פון יודישע שטייערען, ער האָט אַפילו ניט אָבגעוואָרפען דעם געדאַנק וועגען איינשליסען קורלאַנד אין תחום המושב.

הערצל איז אויך אויפגענומען געוואָרען פונם פינאַנץ מיניסטער וויטע. דער לעצטער איז געווען פיעל קאַלטער און איינגעהאַלטענער. ער האָט אויסגעדריקט זיין געגנערשאַפט צו די צו גרויסע אונטערדריקונג פון יודען און זיין אונגלויבען אין ציוניזם. ער האָט איינגעשטימט צו לאָזען פריי די פערהאַלטענע אַקציעס פון קאָלאָניאַל באַנק און נישט פערוועהרען זיי צו קויפען און זיי צו האַלטען.

הערצלס בעמיהונגען אָנצוקומען צו דעם אויסערן מיניסטער און צום קייזער האָבען זיך נישט איינגעגעבען. דאָס רעזולטאַט איז אָבער געגעבען אַן׳אָפיציעלער בריעף פון פלעווען, אין וועלכען ס׳איז גאַנץ קלאָר געקומען צום אויסדרוק פלעוועס שטאַנדפונקט צו די יודען און צום ציוניזם און די גרייטקייט פון דער רוסישער רעגירונג צו העלפען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

הערצל האָט דעם דאָזיגען בריעף געהאַלטען פאַר אַ גרויסען נצחון, און אויף אַ באַנקעט, וואָס איז פאַר איהם איינגעאָרדענט געוואָרען אין פעטער-

בורג, האָט ער מרמז געווען דערויף און געוואָרענט די ציוניסטען זיי זאָלען זיך נישט פערנעהמען מיט דער געגענוואַרטס־אַרבייט. אומעטום אויף זיין ריק־רייזע איז ער אויפגענומען דורך די יודען מיטן גרעסטען כבוד, הגם עס האָבען נישט געפעהלט אויך צייכענס פון אונצופרידענהייט, צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך געווענדעט צו פלעווען. אין ווילנא האָט די פּאָליצייַ און די קאָזאַקען גרויזאַם, ווי זייער שטייגער איז געווען, צוטריבען דעם יודישען המון, וואָס האָט זיך צונויפגעזאַמעלט אויף די גאַסען, ווען הערצל איז דורכגעפאָהרען. הערצל האָט אַזאַ בילד געזעהען צום ערשטען מאָל און איז געוואָרען גאָר שטאַרק ערשיטערט.

מיט פלעוועס בריעף און די איינדרוקען פון דער רוסישער רייזע און מיטן אוגאנדא פּראָיעקט איז הערצל געקומען צום זעקסטען קאָנגרעס. דער תהום צווישען הערצלן און דער בעוועגונג האָט זיך אויף איהם ברייט געעפענט.

ז׳בענטע לעקציע

דער זעקסטער קאנגרעס. — די איבערראשענדע צווי בריעף. — דער איינדרוק פון פלעוועס בריעף. — דער אוגאנדא פארשלאג. — הערצל׳ס ארגומענטען. — ציון איז עס נישט און וועט נישט זיין. — נארדויס ארגומענטען. — נאכטאזיל, אנ׳עטאפ אויפן וועג קיין ציון. — דער אונגלויבען און אונווילען. — דער השד, אז מען וויל אברייסען די בעוועגונג פון א״י. — טעריטאריאליסטען מיט זאנגוויל בראש. — די נאמענטליכע אבשטימונג. - די ניין-זאגער. — דאס געוויין. — הערצל קומט צו די ניין-זאגער. — קאלטע אויפנאמע. -- די אפאזיציע קומט צוריק. — דער בעשלוס צו שיקען אנ עקספעדיציע. — די ניין-זאגער בעקומען פערגיטיגונגען. — די פאלעסטינא-קאמיסיע ווערט געוועהלט און בעקומט א בודזשעט. — אפענהיימערס רעפעראט און אנ׳אנזאג פון אנ׳עקספערימענט. — דער נאציאנאלפאנד ב קומט דאס רעכט צו קויפען באדען — גאראנטיעס. — הערצלס שבועה. — דער קאמף אין דער ארגאניזאציע. — אוסישקין בראש. — ציוני ציון. — דער כארקאווער אויפשטאנד״. —מגיני טעריטאריאליסטען, ס״ס, פועלי-ציון. —ההסתדרות. — די פראטעסטען פון די ענגלישע קאלאניסטען אין אוגאנדא. — די רעגירונג ווערט קיהלער. —די בעמיהונגען צו בענייען די אונטערהאנדלונגען מכח ארץ-ישראל. — די רוסישע אינסטרוקציע צו דעם געזאנדטען אין קאנסטאנטינאפאל. — די אויפנאהמען אין רוים. דער קעניג און דער פויפסט — דער אויסערן מיניסטער טיטאני. — דאס געשפרעך מיטן עסטרייכישען מיניסטער גאלוכאווסקי. — קיין רעזולטאטען — די ענדערונג פון ענגלישען פארשלאג. — יק״אס בעדינגונגען. — די כארקאווער דעלעגאציע. — די זיצונג פון אקציאנסקאמיטעט. — שלום. -- הערצל׳ס טויט.

דער VI קאנגרעס האט זיך געעפענט אין באזעל דעם 23 אויגוסט 1903. צוויי געוואלדיגע איבערראשונגען האט הערצל צוגעגרייט פאר איהם: פלעוועס בריעף און דעם בריעף פונ׳ם ענגלישען קאלאניע-מיניסטעריום מיט

אַ אָפּיציעלען פאָרשלאַג צו בעזעצען דעם טייל פון בריטיש אסט אַפריקא, וואָס איז בעקאַנט אונטערן נאָמען אוגאַנדא. די ביידע אָפּיציעלע דאָקומענטען (די קאָנגרעס דעלעגאַטען זענען דאָך צו אַזעלכע דאָקומענטען גאָר נישט גע־וועהנט געווען) האָבען געדאַרפט ווירקען אויף זייער פאַנטאַזיע און אָבשוואַכען, אויב נישט בעזייטיגען, דעם ווילען צו פּראָטעסטירען געגען רוסלאַנד צוליב קישיניעוו, ווי אויך דעם ווידערשטאַנד געגען דעם אוגאַנדא פּראָיעקט. דער לעצטער איז געווען אַ רעזולטאַט פון לאַנגע אונטערהאַנדלונגען. וועלכע מען האָט אָנגעהויבען באַלד נאָכן דורכפאַל פונ׳ם פּראָיעקט פון אל־עריש. די דאָ־זיגע אונטערהאַנדלונגען האָט געפיהרט ל. גרינבערג, מיט וועלכען הערצל האָט שלום געמאַכט, און דער אָפּיציעלער בריעף פון דער ענגלישער רעגירונג איז טאַקי געווען אַדרעסירט צו איהם.

מיטן אוגאַנדא פּראָיעקט האָט מען זיך געפיהלט אין די חערצלישע קרייזען נישט בעקוועם. קיין גרויסען ענטוזיאַזם האָט ער נישט אַרויסגערופען, עס זענען געווען אַפילו געגנער צו איהם. אָבער הערצל האָט אין איהם גע־זעהען אַ מעגליכקייט צו ווייזען דעם סולטאַן, אַז מען קאָן זיך אָהן איהם בע־געהען, און אויך צו העלפען הונדערטער־טויזענדער יודען אין רוסלאַנד, וועל־כע, ווי ער האָט גוט געוואוסט, עס דראָהט אַ סכנה פון בלוטיגע פּאָגראָמען. אַ חוץ דעם זענען דאָך די דאָזיגע ביידע דאָקומענטען געווען אַ בעווייז, אַז מען האַלט שוין אין דער גרויסער פּאָליטישער וועלט די ציוניסטען פאַר פער־טראגס־פעהיגע פּאַרטנערס.

אויף דעם אַלעם האָט הערצל אָנגעוויזן אין זיין עפענונגס־רעדע. ער האָט אָבער פערשטאַנען, אַז די אַלע אַרגומענטען זענען נישט גענוג, אום אָבצושוואַכען דעם אונווילען און דעם אונגלויבען פון די ברייטע ציוניסטישע מאַסען דוקא אין רוסלאַנד, וואָס ווילען דערין זעהען אַ שלעכטע כונה צו פיהרען קיין אוגאַנדא אנשטאט קיין ארץ־ישראל. ער האָט דעריבער אונטערגע־שטראָכען, אַז דער אוגאַנדא פּראָיעקט וועט נישט שטערען די ווייטערע אַרבייט פאַר ארץ־ישראל, אַז דאָס ציעל פון דער בעוועגונג בלייבט, ווי גע־וועזן, ציון. זיין לאָזונג איז געווען — „אוגאנדא איז נישט ציון און וועט ציון נישט ווערען”.

דאָסמאָל האָט אָבער הערצל׳ס צויבער־קראַפט מיט אַלע איהרע מיט־לען נישט געווירקט אויף אַ גרויסען טייל פון די קאָנגרעס דעלעגאַטען, בע־זונדערס טאַקי אויף די פון רוסלאַנד. פאַר הערצלן איז עס געווען אַ גרויס וואונדער. ער האָט זיך גאָר נישט פאָרגעשטעלט, אַז אַזוי ווייט געהט די צו־געבונדנקייט פון די פערפאָלגטע און בעדראָהטע רוסישע יודען, אַז זיי זאָ־לען אָבוואַרפען בעוואוסטזיניג אַ ממשותדיגע מעגליכקייט פון אַ טיילווייזער רעטונג, פון אַ פערווירקליכונג פון זייערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע שטרע־בונגען, ווארום אין אוגאנדא האָבען די יודען געדאַרפט בעקומען אַ יודישען

פערוואַלטער און מוניציפּאַלע רעכט, — און דאָס אַלץ צוליב אַ ווייטע האָפענונג.
דער איינדרוק פון די דאָקומענטען איז געווען גרויס, — אמת דער בריעף פון פלעווע האָט קיין גלויבען אין די קרייזען פון די רוסישע דעלעגאַטען ניט דערוועקט, און ער איז טאַקי באַלד פערגעסען געוואָרען צוליב דעם ענגלישען דאָקומענט. מען האָט זיך אָבגעגעבען אַ קלאָרען דין וחשבון וועגען זיין ווערט, מ'איז שטאָלץ געווען דערמיט, וואָס ענגלאַנד פערהאַנדעלט אָפיציעל מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און לייגט איהר פאָר אַ לאַנד, מ'איז אויך דאַנקבאַר געווען דערפאַר, אָבער דאָס אַלץ האָט נישט געקאָנט איבערוויגען די מורא, אַז אוגאַנדא, וואָס איז נישט ציון און דאַרף ציון נישט ווערען, וועט דאָך אָבריסען די בעוועגונג פון ארץ-ישראל. מען האָט אין דעם פראָיעקט געזעהען אַ צייכען, אַז הערצל האָט זיך מתיאש געווען אין ארץ-ישראל און איז צוריקגעקעהרט צו זיינע יודענשטאַטליכע געדאַנקען, אַז ארץ-ישראל איז לאו דוקא, אַז דער יודענשטאַט קאָן געבויט ווערען אויך אין אַן'אַנדער לאַנד, וואָס וועט ווערען ניי ארץ-ישראל. (אַזוי טאַקי האָט גע-דאַרפט אָנגערופען ווערען דאָס לאַנד, וואָס האָט געדאַרפט געוועהלט ווערען).

אומזיסט זענען געווען די אַרגומענטען פון נארדוי, וועלכער האָט — איבריגענס — בעצויגען זיך מיט סקעפּטיציזם צו העם גאַנצען אוגאַנדא-פּראָיעקט, — אַז אוגאַנדא איז בלויז אַן'עטאַפּ אַויפען וועג קיין ארץ-ישראל אַ נאַכט-אזיל פאַר די אויסגעמאַטערטע יודישע מאַסען. נישט אָבגעשוואַכט איז געבליבען דער חשד, אַז די אַלע נייע ציוניסטישע פיהרער וואָס זענען געקומען מיט הערצלען און האָבען אַלץ געשטעלט אויף דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען, האָבען פערלוירען יעדע האָפענונג צו בעקומען ארץ-ישראל פונ'ם סולטאַן און, נישט ווילענדיג געהען אויף די וועגען פון די חובבי-ציון, פון דער קליין-קאָלאָניזאַציע, פון אינפילטראַציע, קעהרען זיי זיך אָב פון ארץ-ישראל און קלויבען זיך צו בויען אַ יודענשטאַט אין אוגאַנדא, אַ ניי ארץ-ישראל. געוויס זענען געווען צווישען די ציוניסטען פון רוסלאַנד און פון מזרח אייראָפּא בכלל אויך אַזעלכע, וואָס זענען בלינד נאָכגעגאַנגען הערצלען און האָבען זיך נישט דערוועגט צו שטעלען אין ספק זיינע ווערטער. עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבען אינ'ם פּראָיעקט געזעהען אַ זעהר געשיקטען פּאָרטעל, און האָבען געגלויבט, אַז באַלד וועט הערצל בעקומען אַ טעלעגראַם פונ'ם סולטאַן, אַז ער נעהמט אָן הערצל'ס פּאָרשלאַגען מכח ארץ-ישראל. פאַר די דאָזיגע דעלעגאַטען האָט פלעוועס בריעף געדינט אַלס בעוויז, אַז די רוסישע שטערונג אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז בעזייטיגט געוואָרען. אָבער ביי אַלע איז דאָס געוויסען געווען אונרוהיג, אַלע האָבען געפיהלט, אַז דאָס אָננעהמען דעם אוגאַנדא פּראָיעקט הייסט און וועט אויסגעטייטשט ווערען, אַלס אַן'אָנזאָג פון ארץ-ישראל, אַז ווען מ'וועט קאָלאָניזירען אוגאַנדא וועט נישט בלייבען קיין ענערגיע, קיין כח און מיטלען פאַר ארץ-ישראל.

נאָר ווייניגע דעלעגאַטען האָבען זיך ניט בעמיהט צו פערדעקען זיי-

ערע כונות, אָבצוזאָגען זיך פון ציון צוליב דער האָפנונגסלאָזיגקייט פון אַלע בעמיהונגען צו בעקומען אַ טשארטער, איבערצוטראָגען דעם גאַנצען שווער־פונקט פון דער בעפרייאונגס־בעוועגונג קיין אוגאנדא. די דאָזיגע מענשען, וואָס האָבען בעקומען דעם נאָמען טעריטאָריאַליסטען, האָבען בעמיהט זיך צו בעווייזען, אַז נישט נור צוליב די מאמענטאנע צרות און דער אויסוואַנדערונגס־נויט מוז מען געהען אין אַנ׳אַנדער לאַנד, אין אוגאנדא למשל, און דאָרט קאָלאָניזירען די יודען אין פרייע בעדינגונגען, נאָר אויך צוליבן געדאַנק פון יודענשטאַט. וואָס וועט נישט קאָנען אויפגעבויט ווערען אין ארץ־ישראל. פאַר די דאָזיגע טעריטאָריאַליסטען איז די שטרעבונג קיין ארץ־ישראל געווען נישט מעהר ווי ראָמאַנטיזם, און פאַר דער יוגענד צווישען זיי, וואָס איז שטאַרק אָנגעזאָפּט געווען מיט סאָציאַליסטישע געדאַנקען, אייגענטליך אַ שעדליכער רעאַקציאָנערער ראָמאַנטיזם. בראש פון דער דאָזיגער גרופּע זענען געשטאַנען זאַנגוויל און די קינפטיגע פיהרער פון ציוניסטען־סאָציאַליסטישען (ס. ס.).

שוין אויפן זעקסטען קאָנגרעס זענען אין דער דעבאַטע געקומען צום אויסדרוק די דאָזיגע דריי שטאַנדפּונקטען. געהאַנדעלט האָט זיך וועגען דעם צי מען זאָל אָננעהמען דעם ענגלישען פאָרשלאַג און שיקען אַ אויספאָרשונגס־עקספּעדיציע קיין אוגאנדא, צי מען זאָל מיט דאַנק פאַר דער גרויסמוט פון ענגלאַנד אָבזאָגען זיך פון איהם. די נאָמענטליכע אָבשטימונג האָט געגעבען אַ זיעג פאַר הערצל׳ס פאָרשלאַג מיט 295 שטימען געגען 178 ביי מער 132, וואָס האָבען זיך אָבגעהאַלטען פון שטימען איז אָנגענומען געוואָרען אַ בעשלוס צו שיקען אַ עקספּעדיציע אויף אויספאָרשען דאָס פאָרגעלעגטע לאַנד, דערביי אָבער איז בעטאָנט געוואָרען, אַז דאָס נויטיגע געלד וועט מען נים נעהמען ניט פון יודישען קאָלאָניאַל באַנק און ניט פון נאַציאָנאַל פאָנד און ניט פון אנגלא־פּאַלעסטינא־קאָמפּאַניע. דער דאָזיגער קאָמפּראָמיס, וואָס האָט געדאַרפט אונטערשטרייכען, אַז די בעוועגונג האַלט פעסט ביי ארץ־ישראל, האָט ניט בערוהיגט די אָפּאָזיציע און זי איז מיט די רוסישע מיט־גליעדער פון א״ק (מיטן אויסנאַהם פון מאנדעלשטאַם און יאשינאָווסקי) און מיט ד״ר שמחהו לוין בראש אַרויס פון דער זיצונג. פיעל פון די דעלעגאַטען סיי פון די, וואָס האָבען געשטימט געגען, סיי פון די, וואָס האָבען געשטימט פאַר האָבען געוויינט. אויף הערצלן האָט דער דאָזיגער געוויין געמאַכט אַ גרעסערען איינדרוק, ווי דער ווידערשטאַנד. ער האָט אויף איהם געווירקט ריין מענשלעך און האָט איהם בעוויזען ווי אָרגאַניש ארץ־ישראל איז צונויפ־געוואקסען מיט דער בעוועגונג. ער האָט זיך געפיהלט שולדיג און ווען ער איז געגאַנגען צו די „הבוכים״ (די וואָס האָבען געוויינט, אַזוי האָט דערנאָך די ציוניסטישע פּרעסע אָנגערופען איראָניש די אָפּאָזיציע) האָט ער גערעדט צו זיי אָפ, נהאַרציג און זיך פערטיידיגט פאַר די, וואָס האָבען איהם חושד געווען אין פערראַט אין ארץ־ישראל. ער האָט זיי אָנגעוויזען דערויף אַז ער איז געקומען צו אַ וואַנד אין די אונטערהאַנדלונגען מיט טערקיי און קאָן

דערוויל ניט געהן ווייטער. דער אוגאנדא פראָיעקט איז בלויז אַ הילפסאַקציע פאַר די נויטליידענדע יודען, די אַרבייט פאַר ארץ־ישראל וועט ער ווייטער פיהרען, ווי ער האָט זי ביז איצט געפיהרט.

הערצל איז אויפגענומען געוואָרען זעהר קאַלט דורך די ניין־זאָגער, אַפילו אַ שווער בעליידיגענדער אויסרוף איז אויף זיין אַדרעס געפאַלען, אָבער דאָך איז איהם געלונגען צוריקצופיהרען זיי צום קאָנגרעס. עס איז אָנגענומען געוואָרען, אַז די עקספּעדיציע וועט ענדגילטיק בעשלאָסען ווערען דורכן אַקציאָנס־קאָמיטעט און אַ חוץ דעם זענען אָנגענומען געוואָרען אייניגע פּראַקטישע בעשלוסען מכח דער אַרבייט אין ארץ־ישראל. ס׳איז געוועהלט געוואָרען אַ פּאַלעסטינא קאָמיסיע, וואָס האָט בעקומען אַ בודזשעט פון 15.000 דייטשע מאַרק און האָט געקאָנט צוטרעטען צו דער אַרבייט. עס איז אויסגעהערט געוואָרען אַ רעפעראַט פון פּר. אָפּפענהיימער וועגען דער קאָאָפּעראַטיווער קאָ־לאָניזאַציע און ס׳איז בעשלאָסען געוואָרען צו מאַכען אַנ׳עקספּערימענט אין דער ריכטונג אויפן באָדען פון נאַציאָנאַל־פאָנד, וואָס האָט בעקומען דאָס רעכט צו קויפען באָדען נישט וואַרטענדיג ביז עס וועלען זיך צונויפזאַמלען 200.000 פ. מיט איין וואָרט: דוקא דער זעקסטער קאָנגרעס האָט געמאַכט די ערשטע שרים אויפן וועג פון פּאָזיטיווער קאָלאָניזאַטאָרישער אַרבייט אין ארץ־ישראל.

די שלוס־רעדע האָט הערצל ווידער געווידמעט פערזיכערונגען, אַז דער אוגאנדא־פּראָיעקט בעדייט ניט, אַז מען ווענדעט זיך אָב פון ארץ־ישראל. ער האָט געשוואוירען: „אם אשכחך ירושלים...” דאָך איז קענטיג געווען, אַז באַלד נאָכן קאָנגרעס וועט זיך אָנהויבען אַ אונגעהויערער קאַמף צווישען דיביידע ריכטונגען, אַז הערצלס רעדעס און שבועה וועט די בעוועגונג נישט בערוהיגען.

דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבען צוזאָרגענס נאָכן קאָנגרעס. אויף פער־זאַמלונגען און אין דער פּרעסע האָט מען אָנגעהויבען צו בעטראַכטען דאָס געשעהענע און דעם קאָנפליקט. די אָפּאָזיציע האָט זיך באַלד אָנגעהויבען אָר־גאַניזירען. בראש פון איהר האָט זיך געשטעלט אוסישקין, וואָס האָט זיך נישט בעטייליגט אינם VI קאָנגרעס, ווארום ער איז געווען אין ארץ־ישראל, וואו ער האָט אָבגעהאַלטען אַ צוזאַמענפאָהר פונ׳ם ישוב און פון די לעהרער און געבילדעט די ערשטע אָרגאַניזאַציע פונ׳ם ישוב, וואָס איז צופאַלען טאַקי צוליב אוגאנדא און הערצל׳ס ווידערשטאַנד, און פון די לעהרער! וואָס איז נעבליבען און בעשטעהט אויך איצט.

די אָפּאָזיציע האָט אָנגענומען דעם נאָמען פון ציוני־ציון און אוסישקין האָט אָפען ערקלערט אַ קאַמף הערצלן, פאָדערנדיג אין אַ אָפענעם בריעף אָבצוזאָגען זיך פונ׳ם אוגאנדא פּראָיעקט. דער דאָזיגער בריעף און די כאַר־קאָווער קאָנפערענץ פון די רוסישע א״ך מיטגליעדער, וואָס איז פאָרגעקומען נאָך דעם, האָבען נאָך פערשטאַרקט דעם קאַמף. עס איז געשאַפען געוואָרען

אין וואַרשא אַ אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „מגיני הסתדרות" מיט אברהם פּאַדלישעווסקי בראש, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו שיטן פּראָטעסטן קעגן דעם כאַרקאָווער „אויפשטאַנד".

און די עפנטליכע דעבאַטע איז ווייטער געגאַנגען. געדרעהט האָט זיך אַרום דעם, צי איז דער אוגאנדא פּראָיעקט אין סתירה מיטן ציוניזם, וואָס איז פערבונדען אָרגאַניש מיט ארץ־ישראל? ברייטע מאַסען פון ציוניסטען האָבן נישט געקאָנט פערשטעהען, ווי אַזוי איז עס מעגליך צו קאָלאָניזירען איין לאַנד, צו פערוואַנדלען עס אין אַ פאָטערלאַנד, און שטרעבען צו אַנ׳אַנדערען און האַלטען אַנ׳אַנדערעס אַלס אַ פאָטערלאַנד, וואָס דאַרף צוריק עראָבערט ווערען.

אין די יוגענד־גרופּען, וואָס האָבן אָנגעהויבן שאַפען דעם אַרבייטער ציוניזם און דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם, איז די דאָזיגע דעבאַטע באַלד צו געפיהרט געוואָרען צו דעם פּראָבלעם פון טעריטאָריאַליזם. עס איז געשטעלט געוואָרען די פראַגע: און וואָס וועט זיין, אַז אוגאנדא וועט זיך אַרויסווייזען אַלס אונטויגבאַר פאַר קאָלאָניזאַציע, וועט מען צוריק קומען צו ארץ־ישראל אָדער אָנהויבען זוכען אַנ׳אַנדער לאַנד? מ׳האָט אָנגעהויבן אַנאַליזירען די מעגליכקייטען פון ארץ־ישראל, די נאַטור פון דער צוגעבונדענקייט פונ׳ם יודישען פאָלק צו דעם דאָזיגען לאַנד, די ראָליע וועלכע ארץ־ישראל האָט געשפּיעלט און שפּיעלען אינם יודישען לעבען. מען האָט געפרעגט צי איז מעגליך, אַז עס זאָל עקזיסטירען אַ בעוועגונג, וואָס שטרעבט צו אַ טעריטאָריאַלער לעזונג פון דער יודישער פראַגע, און האָט ניט אַ בעשטימטען ציעל, נאָר זוכט ערשט איהר ציעל. הקיצור מ׳האָט זיך פערטיפט אינם פּראָבלעם, און באַלד טאַקי האָט זיך די נאָך נישט אָרגאַניזירטע סאָציאַליסטישע בעוועגונג אין ציוניזם געשפּאָלטען אויף צווייען: אויף די ציוניסטען־סאָציאַליסטען, וואָס האָבן אָבגעוואָרפען דעם געדאַנק וועגען ארץ־ישראל, מיט ד״ר נחום סירקין, יעקב און יוסף לעשצינסקי בראש, און אויף די פּועלי־ציון מיט בער באָרוכאָוו בראש. אין מיטען האָט זיך געשטעלט די סיימיטישע פאַרטיי, וואָס האָט איבערגעלאָזט די דאָזיגע פראַגע אָפען, ווארום זי האָט איבערגערוקט דעם שווערפונקט פון דער בעפרייאונגס־בעוועגונג אויף גאָר אַנ׳אַנדער פּראָבלעם. עס פערשטעהט זיך, אַז אויף די אַלע נייע בילדונגען האָט שטאַרק געווירקט די וואַקסענדע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג אין רוסלאַנד.

דער קאַמף האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר פערשאַרפט. עס האָט זיך געפינען אַ משוגענער בחור, וואָס תאָט געשאָסען אין נארדוי, צום גליק ניט געטראָפען. בעזונדערס אָבער איז געווענדעט געווען געגען דעם ריינעם טעריטאָריאַליזם. די אוגאַנדיסטען האָבן אויך בעקעמפט די דאָזיגע נייע שטרעמונג, וואָס האָט זיי שטאַרק קאָמפּראָמיטירט אין די אויגן פון די מאַסען, וואָרום זי האָט געדינט אַלס בעווייז, אַז עס געהט אייגענטליך טאַקי וועגען

אַ ניי לאַנד און נישט וועגן אַ נייעם וועג קיין א״י אָדער וועגן אַנ׳אָברוה־אָרט אויפן דאָזיגן וועג. בראש פון די דאָזיגע טעריטאָריאַליסטען האָט זיך געשטעלט ישראל זאַנגוויל, פּראָפ. מאַנדעלשטאַם און אַדוואָקאַט יאַשינאַווסקי. די ברייטע ציוניסטישע מאַסע האָט תחילת געגלויבט הערצלען און נאָכגע־גאַנגען איהם, האָפענדיג אויף אַ רעטונג דורך אוגאַנדאַ און צוזעהענדיג, ווי הערצל האָט נישט אויפגעהערט צו אַרבייטען פאַר ארץ־ישראל.

דערוויייל אָבער איז אָבגעקיהלט געוואָרען ענגלאַנדס רעגירונג. די סבות זענען געווען דאָפּעלטע. די ענגלישע קאָלאָניסטען פון אוגאַנדאַ האָבען אויפ־געהויבען אַ פּראָטעסט־געשריי געגען דער רעגירונג, וואָס וויל אָבגעבען די יודען אַ גרויס שטיק לאַנד און דוקא ביי דער באַהן. דאָס דאָזיגע לאַנד וועט מען דאַרפען. האָבען זיי געטענה׳ט, פאַר קינפטיגע ענגלישע קאָלאָניסטען. צווייטענס האָט אָבקיהלענד געווירקט דער פּערצוויייפעלטער ווידערשטאַנד גע־גען דעם פּראָיעקט פון אַזאַ גרויסען טייל פון די ציוניסטען. די רעגירונג האָט געענדערט דאָס לאַנד, וואָס זי האָט פאָרגעשלאָגען און צווישען די הערצלישע קרייזען זיך דערהערט שטימען, אַז דאָס איז שוין אַנ׳אַנדער פאָר־שלאַג, וועלכען מ׳דאַרף טאַקי אָבוואַרפען. אויף אַזאַ אופן וואָלט מען גע־קאָנט, האָבען זיי געזאָגט, בכבוד זיך אַרויסדרעהען פון דעם דאָזיגען פיינ־ליכען עסק. אָבער הערצל האָט דערפון נישט געוואָלט הערען. ער האָט אויפ־גענומען דעם קאַמף מיט די כאַרקאָווער און געהייסען דרוקען אין „דער וועלט" יעדען פּראָטעסט פון די „מגיני ההסתדרות". ער האָט דערמיט געוואָלט בעווי־זען, אַז דאָס פאָלק איז אייגענטליך מיט איהם. ווען ס׳האָט געדאַרפט קומען צו איהם אַ דעלעגאַציע פון די כאַרקאָווער מיט אַ אולטימאַטום, האָט ער תחילת נישט געוואָלט מיט זיי רעדען, דאָך אָבער איז אין יאַנואַר 1904 גע־קומען צו אַ געשפּרעך מיט די דעלעגאַטען ביעלקאַווסקי און ראָזענבוים, און דער קאָנפליקט איז אָבגעשוואַכט געוואָרען, וואָרום דוקא צו יענער צייט האָט מען אָנגעהויבען טראַכטען, אַז די ענגלישע רעגירונג וועט צוריקציהען איהר פאָרשלאַג. הערצל האָט אויך געקאָנט בעווייזען, אַז ער האָט נישט איבער־געריסען די בעמיהונגען מכח ארץ־ישראל.

פון רוסלאַנד איז געקומען אַ בריעף פון פּלעווע, אַז דער רוסישער געזאַנדטער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט בעקומען אַ אָנווייזונג צו רעדען מיט דער הויכער פּאָרטע מכח קאָלאָניזאַציע פון יודען אין א״י. עס זענען גע־מאַכט געוואָרען אַלערליי בעמיהונגען צו געווינען די שטיצע פון דייטשלאַנד און עסטרייך פון איטאַליען. הערצל איז געפאָהרען קיין רוים, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרען פונ׳ם איטאַליענישען קעניג, וואָס האָט זיך שוין לאַנג אינטערעסירט מיטן ציוניזם, און פונ׳ם פּויפּסט. דער ערשטער האָט זיך בעצויגען מיט דער גרעסטער סימפּאַטיע צום ציוניזם, אָבער אַלס קאָנסטיטו־ציאָנעלער קעניג האָט ער אָבגעשיקט הערצלען צום אויסערן־מיניסטער טיטאָני

דער פויפסט האָט קלאָר און דייטליך אַרויסגעזאָגט זיין התנגדות. די קאַטוי־לישע קירכע קאָן נישט צושטימען צו דעם ריקקעהר פון די יודען קיין ציון. זי איז מתפלל פאַרן וואויל פון די יודען, וואָס ווערען ליידער גערודפט און ליידען אַזוי שטאַרק, אָבער זיי מוזען טראָגען זייער שטראָף פאַרן נישט אָנערקענען דעם משיח, וואָס איז שוין געקומען.

טיטאָני, מיט וועלכען דער קעניג האָט גערעדט, האָט צוגעזאָגט צו שרייבען צום איטאַליענישען געזאַנדטער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אַז ער זאָל מיטהעלפען דעם רוסישען אין זיינע בעמיהונגען. ער האָט געבעטען אַ מע־מאָראַנדום פון הערצלען און האָט איהם געקריגען. דערמיט האָט זיך דער ענין געענדיגט. איבריגענס מיטן בריעף פון רוסישען אויסערן מיניסטער האָט געטראָפען כמעט דאָסזעלבע. דער געזאַנדטער האָט די אינסטרוקציע נישט אויסגעפיהרט, נישט געפונען פאַר איהר קיין ריכטיגע צייט. דער עסט־רייכישער אויסערן מיניסטער גאָלוכאָווסקי האָט אויפגענומען הערצלען און אויס־געהערט זיין פּלאַן מיט ענטוזיאַזם. אָבער ווען הערצל האָט אָנגעהויבען פאַ־דערען תכלית האָט ער געענטפערט, אַז די צייט איז נאָך דערצו נישט גע־קומען.

הערצל האָט ווידער אַלע האָפנונגען פערלוירען...

דערווייל האָט מען געמוזט זוכען מיטלען פאַר דער עקספּעדיציע. די יק"א, וועלכע הערצל האָט געוואָלט משתף זיין צו דער אַרבייט, האָט גע־שטעלט קודם־כל אַלס בעדינגונג, אַז די קאָלאָניזאַציע זאָל געפיהרט ווערען אַלס אַ געוועהנליך פילאַנטראָפּיש אונטערנעהמען אָהן שום נאַציאָנאַל פּאָ־ליטישע ציעלען. הערצל האָט די דאָזיגע בעדינגונג אָבגעוואָרפען צוזאַמען מיט דער הילף.

ווען עס איז געקומען צו אַ זיצונג פונם אַקציאָנס קאָמיטעט איז הערצל שוין געווען טויט קראַנק. אפשר דערפאַר טאַקי איז געקומען צו אַ פּער־זעהונג. די אָפּאָזיציע האָט זיך איבערצייגט, אַז ביי הערצלען איז דער ציוניזם נאָך פערשטאַרקט געוואָרען און אַז ער גלויבט טאַקי אויפריכטיג, אַז מען קאָן פערקניפּען די קאָלאָניזאַציע פון אוגאַנדא מיט בעמיהונגען צו בעקומען ארץ־ישראל. ער האָט אָפען געזאָגט, אַז געקומען איז ער אַלס אַ יודענשטאַט־לער און ערשט אין משך פון דער צייט האָט ער געלערנט, וואָס א"י בע־דייט פאַרן ציוניזם געוויס האָט מען עס געקאָנט, אָבער בתנאי, אַז די דאָ־זיגע בעמיהונגען וועלען מכח ארץ־ישראל בלייבען דיפּלאָמאַטישע. וואָלט גע־קומען צו אַ קאָלאָניזאַציע וואָלט עס געוואָרען אונמעגליך. אָבער הערצל האָט וועגען דעם ניט געטראַכט. איבריגענס איז דאָך זיין צוגאַנג צו די פערווירקליכונגס־פּראָצעסען געווען אַ ריין מעכאַניסטישע. עס האָט נאָך גע־האַלטען גאָר ווייט דערפון. דער אַקציאָנס קאָמיטעט האָט אָנגענומען מיט צו־פרידענהייט די ידיעות מכח די בעמיהונגען וועגען ארץ־ישראל, ווי אויך די ערקלערונגען בנוגע אוגאַנדא און האָט בעשלאָסען צו שיקען די עקספּעדיציע.

דער שלום איז געקומען, אָבער הערצל׳ס קראַנקהייט איז געוואָרען אַלץ שווערער. די ידיעות מכּח דעם קאַמף אַרום אוגאַנדא, וואָס איז געפיהרט געוואָרען אין ענגלאַנד, האָבען איהם געוויס ניט צוגעגעבען קיין געזונד. עס איז אַפילו געקומען צו דער דעמיסיע פונ׳ם קאָמיסאַר פון אוגאַנדא. אין די אַלע סכסוכים האָט די פראַגע וועגען יודישען פּאָרשלאַג ניט געשפּילט קיין דעצידירענדע ראָליע, אָבער מ׳האָט זיך מיט איהר בענוצט. אין פּאַרלאַמענט איז פערפיהרט געוואָרען אַ דעבאַטע וועגען דעם פּראָיעקט און עס זענען גע־קומען צום אויסדרוק אַפילו אָפענע אַנטיסעמיטישע מיינונגען.

די געפאַהר פון טויט איז געקומען אַלץ נאָהנטער. הערצל האָט נאָך אין מאַי געאַרבייט, געשריבען, געווענדעט זיך צו מיניסטאָרען, ערקלעהרט, געפאָדערט, אָבער אין מיטען פון דער דאָזיגער אַרבייט איבער די מענשליכע כּחות האָט איהם געפאַקט דער טויט, דעם צענטען יולי 1904. (כ׳ תמוז)...

און ער האָט נאָך געוואָלט און נאָך געקאָנט אַזוי פיעל אויפטהון...

אכטע לעקציע

דער קאַמף אַרום דעם אוגאַנדאַ-פּראָיעקט ווערט ווייטער געפירט. — ער קאָנצענטרירט זיך אין אַ קאַמף געגען דעם טעריטאָריאַליזם. — די ענטוויקלונג פון די סאָציאַליסטיש-ציוניסטישע טעאָריעס. — די טעאָריע פון ניט פּראָלעטאַריזירען זיך און פון פּויפּעריזירונג פון די ס. ס. — די שעפּפערישע ראָליע פון דער אויסוואַנדערונג. — די אויסוואַנדערונג ברענגט צו קאָלאָניזאַציע. — אַ לאַנד דאַרף מען האָבען. — ארץ-ישראל איז אַ שטערונג און אַ פאַקטאָר פון רעאַקציע. — דער פראָנט געגען בונד און געגען ארץ-ישראל. — די פּועלי-ציון געגען דער פּערעלענדונגס-טעאָריע. — דער יודישער אַרבייטער ווערט דערוויטערט פון דער אורפּראָדוקציע. — ער דעצידירט ניט אין קאַמף. — די סטראַטעגישע באַזע. — דאָס לאַנד איז ארץ-ישראל. — די בירגערליכע טעריטאָריאַליסטען. — ציון פון אַפריקא פון טשלענאָוו. — אונזער פּראָגראַם פון אוסישקין לאַנד און פּאָטערלאַנד. — די וואַהלען צום III קאָנגרעס. — דער שלעכטער בעריכט פון דער עקספּעדיציע. — דער זיעג פון ציוני-ציון. — די פרייבורגער קאָנפערענץ. — ניט נור ליקווידירען דעם אוגאַנדאַ-פּראָיעקט, נאָר אויך דעם טעריטאָריאַליזם. — דער קאַמף אויפן זיבענטען קאָנגרעס. — דער פולשטענדיגער נצחון פון ציוני-ציון. — די טעריטאָריאַליסטען געהען אַוועק און גרינדען אַנ'אייגענע אָרגאַניזאַציע. — די פּאָליטישע ציוניסטען פּרובען אָבשאַפען די רעזאָלוציעס וועגען פּראַקטישער אַרבייט. — די נייע ליטונג. — דער קאַצעניאָמער. — יום קטנות.

הערצל'ס פערזיכערונגען און קאָמפּראָמיסען ווי אויך זיין טויט האָבען ניט אָבגעשטעלט דעם אינערליכען קאַמף, וואָס האָט בעהערשט די ציוניסטישע בעוועגונג זייט דעם זעקסטען קאָנגרעס. וואָס ווייטער האָט ער אָנגענומען אַ ברייטערען אומפאַנג און געוואָרען אַ קאַמף וועגען דעם עיקר העיקרים פון ציוניזם, וועגען זיין טעריטאָריאַלען ציעל און וועגען זיין היסטאָרישען כאַראַקטער. די פראַגען וועגען אוגאַנדא, נאכט-אזיל, אַ וועג קיין ציון וכדומה זענען

אַוועקגעריקט געוואָרען אין אַ זייט, דעם זיבענאָן האָט וואָס ווייטער אַלץ מעהר פערנומען די פראַגע: צי איז דער ציוניזם ארגאניש פערבונדען מיט ארץ־ישראל, צי קאָן ער אונטער קיין שום אומשטענדען ניט אָברייסען זיך פון דעם דאָזיגען לאַנד, אין וועלכען דאָס יודישע פאָלק האָט מיט טויזענדער יאָהרען צוריק געפיהרט אַ פריי און נאָרמאַל פאָלקס־לעבען, צי אומגעקעהרט מוז דער ציוניזם זיך בעפרייען פון דער פערבינדונג מיט ארץ־ישראל, וואָרום דאָס דאָזיגע לאַנד ווערט אַ שטערונג אויפן וועג פון זיין פערווירקליכונג, צי קאָן ער זוכען אַ פאַסענד לאַנד פאַרן יודישען פאָלק און קאָלאָניזירען עס, ווען עס ווערט געפונען ווערען, און פערוואַנדלען עס אין אַ ניי יודען־לאַנד, אין אַ ניי ארץ־ישראל?

די פראָבלעמען, וועלכע די ציוניסטישע לעהרער און דענקער האָבען אָבער ניט געשטעלט, אָננעהמענדיג אַלס עובדה, אַלס אַקסיאָמע די אָרגאַנישע פערבינדונג פונ׳ם ציוניזם מיט ארץ־ישראל, אָדער שטעלענדיג און האַלטענדיג טעאָרעטיש, אַז ארץ־ישראל איז לאו דוקא, אַז עס קאָן זיין אויך אַנ׳אַנדער לאַנד, אין וועלכען דער ציוניזם קאָן זיינע ציעלען רעאַליזירען, האָבען זיי דאָך פראַקטיש פערבונדען דעם גורל פון דער פערבינדונג מיט ארץ־ישראל,— די דאָזיגע גרונד־פראָבלעמען זענען דאָס מאָל געשטעלט געוואָרען אין זייער גאַנצער שאַרפקייט. עס איז קלאָר געווען, אַז עס מוז ענטשיידען ווערען דער גורל פון דער בעוועגונג אין דעם פרט, אַז צו קיין קאָמפּראָמיסען קאָן ניט קומען, ווי אין דער פראַגע וועגען שיקען אַנ׳עקספּעדיציע קיין אוגאַנדא, די ווייניגע, וואָס האָבען געוואָלט לאָקאַליזירען דעם קאַמף, אַזוי צו זאָגען, אויף אוגאַנדא, וואָס האָבען געוואָלט פערהיטען פאַר אַ שפּאַלטונג, פאַרן פערדרעגען די טעריטאָריאַליסטען, האָבען זיך באַלד איבערצייגט, אַז אומזיסט זענען זייערע בעמיהונגען. ביידע צדדים האָבען אויפגענומען דעם קאַמף: אי די טעריטאָריאַליסטען, וועלכע האָבען געפּרעדיגט, אַז דער ציוניזם קאָן פערווירקליכט ווערען אין יעדען לאַנד און אַז ארץ־ישראל איז אַ שטערונג, אי די ציוני־ציון, וואָס האָבען געלייקענט די מעגליכקייט פון דער דאָזיגער פערווירקליכונג אויסערהאַלב ארץ־ישראל און אונטערגעשטראָכען, אַז די בעוועגונג וועט בכלל ניט עקזיסטירען, ווען זי וועט פאַר זיך ניט האָבען קיין בעשטימטע טעריטאָריאַל ציעל און ווען דאָס דאָזיגע ציעל וועט ניט זיין ארץ־ישראל.

בעזונדערס שאַרף זענען די דאָזיגע פראָבלעמען געשטעלט געוואָרען אין די קרייזען פון דער יוגענד, וואָס איז בעאיינפלוסט געוואָרען דורך דעם רעוואָלוציאָנערען און סאָציאַליסטישען געדאַנק, וועלכער האָט צו יענער צייט איינגעדרונגען אין איהרע רייהען און געבראַכט דערצו אַז עס האָבען זיך אָנגעהויבען צו אָרגאַניזירען די סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע פּאַרטייען. ביז צו דעם מאָמענט האָט דער סאָציאַליזם געשפּיעלט אַ קליינע ראָליע אין דער ציוניסטישער בעוועגונג. ער האָט זי בעאיינפלוסט, בעשטימט מאַנכע טענדענ־

צען אי דירעקט און פּאָזיטיוו אי אונדירעקט און נעגאַטיוו. עס זענען געקומען צום ציוניזם אויך סאָציאַליסטען, אָבער אין די ערשטע יאָהרען איז דאָך אַלץ קאָנצענטרירט געוואָרען אויף די בעמיהונגען צו בעקומען די מעגליכקייט פון קאָלאָניזאַציע, פון בויען, זענען אַלע אַנדערע פּראָבלעמען אָבגעלייגט געוואָרען. ד"ר נחמן סירקין מיט זיינע אַ פּאָר פריינד האָט געוואָלט לייגען דעם סאָציאַליסטישען שטמפּעל אויפן ציוניזם, אָבער עס איז איהם ניט געלונגען צו שאַפען אַפילו אַ קליינע סאָציאַליסטישע שטרעמונג אין ציוניזם.

ערשט די ענטוויקלונג פונ'ם ציוניזם אין רוסלאַנד מיט זיין פערברייטערונג צווישען די פּאָלקס-מאַסען, ערשט דער צוזאַמענשטויס פון דער בעוועגונג אין רוסלאַנד מיט דער רוסישערווירקליכקייט, ערשט די ענטוויקלונג פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג,—ערשט די דאָזיגע אַלע מאָמענטען האָבען געבראַכט צו דער נויטווענדיגקייט פון אַ סינטעזע צווישען דעם סאָציאַליזם און ציוניזם און צו דער גרינדונג פון ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. די התחלות זענען אין פערשידענע ערטער געמאַכט געוואָרען נאָך פאַרן VI קאָנגרעס. אין וואַרשא, אין קיעוו, אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אין פּאָלטאַוואַ, אין מינסק און אין דווינסק, — אומעטום זענען ענטשטאַנען קרייזען פון ציוניסטישער יוגענד, וואָס האָבען זיך פערבונדען מיט אַרבייטער-קרייזען, האָבען געטראָגען צו זיי די ציוניסטישע בשורה. גרויס איז געווען זייער ערפאָלג ביי די ברייטע קרייזען פון דער דעקלאַסירטער יוגענד, פיעל קלענער ביי די אַרבייטער, וועלכע עס האָט מיטגעריסען דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסטישער קאַמף, וואָס איז דורכן „בונד" געפיהרט געוואָרען. די מעגליכקייט פון אַ זיעג פון דער רעוואָלוציע איז געווען פיעל נאָהנטער, ווי די מעגליכקייט פון דער פערווירקליכונג פון ציוניזם, און דער נצחון פון דער רעוואָלוציע האָט צוגעזאָגט אַ באַלדיגע פערבעסערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע, אַנ'אויסלייזונג פונ'ם תחום המושב און אַ עמאַנסיפּאַציע פון די רוסלענדישע יודען, וואָס וועט פאַר זיי עפענען אַ גאַנצע נייע וועלט, די ווייטע שטחים פון רוסלאַנד. די ציוניסטישע ספקות האָבען געווירקט זעהר שוואַך און זיי האָבען אויך געמוזט אַריינבעהמען פיעל פון די דאָזיגע מאָמענטען אין זיך, ניט זייענדיג אומשטאַנד אַנטקעגענצושטעלען קיין שום פּראַקטישען פּלאַן פון אַנ'עקזאדוס. פון איין זייט האָבען געדריקט גאָר שטאַרק די וואַקסענדע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג, פון דער אַנדערער די עלענד, די פּאָגראָמען, אויף וועלכע די מאַסען האָבען געגעבען זייער ספּאָנטאַנען ענטפער — די מאַסען-אויסוואַנדערונג אין אַלע מעגליכע לענדער, בעזונדערס אָבער אין די פעראייניגטע שטאַטען פון צפון אַמעריקא, און פון דער דריטער זייט האָט דער ציוניזם איבערגעלעבט אַ אונגעהויערען קריזיס, וואָס האָט ערשיטערט זיינע יסודות און האָט געצוואונגען אָבצוגעבען זיך ווידער אַמאָל אַ דין וחשבון וועגן דעם עצם הענין פון דער ציוניסטישער שטרעבונג.

װעגן דעם ענדציעל און דעם כאַראַקטער פון ציוניזם און װעגן די כּחות, װאָס רופן איהם אַרויס און בעשטימען זיין װעג און ענטװיקלונג:

דער צופאַל, װאָס די דאָזיגע ענטװיקלונג איז רייף געװאָרען אין דעם מאָמענט, װען עס איז צוגעגאַנגען דער שטרייט צװישען דעם טעריטאָריאַליזם און ציוניזם האָט געבראַכט דערצו, אַז דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער גע־דאַנק האָט פון אָנהויב אָן געזוכט זיין פערקערפערונג אין צװיי געשטאַלטען. עס איז ענטשטאַנען כּמעט אין דער זעלבער צייט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטי־שע אַרבייטער־פּאַרטיי (פּאָפּולער לױטן רוסישען נאָמען ס. ס.), װאָס האָט זיך געשטעלט אויפן באָדען פון טעריטאָריאַליזם און די פּועלי־ציון (אָפיציעל יודישע סאָציאַלדעמאָקראַטישע אַרבייטער־פּאַרטיי פּועלי־ציון) װאָס איז געבלי־בען טריי ארץ־ישראל.

ביידע זענען זיי אַרויסגעגאַנגען פון דער אַנאַליזע פון דער יודישער עקאָנאָמישער װירקליכקייט, בעזונדערס אין רוסלאַנד און אין מזרח־אייראָפּא, און פון דער אַנאַליזע פון דער אויסװאַנדערונג. ביידע האָבען זיך אָבגעשטעלט אויף דעם פּראָבלעם פון דער יודישער עלענד און פּויפּעריזירונג, אויף דער אוננאָרמאַלער לאַגע און ענטװיקלונג פון דער יודישער אַרבייטערשאַפט, אויף דעם אַזױ גערופענעם פּראָלעטאַריזירונגס־פּראָבלעם, אויף דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער שװאַכקייט פונ׳ם יודישען פּראָלעטאַריאַט. ביידע האָבען זיי איינ־געפונען, אַז אין אַנ׳אייגען לאַנד קאָן ניט פּאַרקומען נאָרמאַל דער פּראָצעס פונ׳ם איבערגאַנג פון דער פּויפּעריזירטער און פּויפּעריזירנדער זיך מאַסע צו פּראָדוקטיװער אַרבייט, קאָן די בילדונג פון אַ מעכטיגען יודישען אַרבייטער־קלאַס, אויף װעלכען עס שטיצט זיך, אויף װעלכען ס׳באַזירט די אינדוסטריע און די לאַנדװירטשאַפט. ביידע האָבען זיי איינגעזעהען, אַז די מאַסען־אויס־װאַנדערונג פון די יודען פון מזרח־אייראָפּא אין פערשידענע מעהר אָדער װעניגער קאַפּיטאַליסטיש־ענטװיקעלטע לענדער פּערענטפּערט ניט די דאָזיגע פּראָבלעמען, אין בעסטען אופן שטופּט זי זיי אָב, אָבער ענדערט ניט אין די גרונד־יסודות די לאַגע פונ׳ם גאַנצען פאָלק. ביידע זענען זיי געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דעם דאָזיגען עמיגראַציע־פּראָצעס דאַרף מען זוכען די כּחות, װאָס דאַרפען בעשטימען דעם װעג, װאָס װעט פיהרען צו דער ראַדי־קאַלער לעזונג פון דעם פּראָבלעם, צו דער קאָלאָניזאַציע, צו דעם שאַפען אַ פריי יודיש געמיינװעזען אויף אַנ׳אייגענעם לאַנד, װאָס װעט אויך געבען די מעגליכקייט צו רעאַליזירען די דאָזיגע בעשטימונגען.

אין דעם דאָזיגען ענטשיידענדען מאָמענט זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען די װעגען פון די ביידע פּאַרטייען: די ס. ס. האָט זיך אָבגעריסען פון ארץ־ישראל, האַלטענדיג פאַר רעאַקציאָנערען ראָמאַנטיזם יעדען פּרוב צו פערבינ־דען די בעװעגונג און איהר רעאַליזירונג מיט דעם דאָזיגען לאַנד, װאָס איז ניט פריי, װאָס געפינט זיך אין די הענד פון אַ מאַכט, װעלכע װיל דאָס

לאַנד ניט געבען די יודען צו בעזעצען זיך. ארץ־ישראל איז לויט זייער מיי־נונג געוואָרען אַ שטערונג אויפן וועג פון רעאַליזירען דעם ציוניזם. ארץ־ישראל צווינגט, האָבען זיי בעהויפּטעט, דעם ציוניזם צוצופּאַסען זיך צו די קליינע מעגליכקייטען, צו דעם קליינעם פּערנעהם פונ׳ם לאַנד ; ארץ־ישראל פערשטאַרקט די צוגעבונדענקייט צו דער רעליגיעז־משכילישער טראַדיציע און שוואַכט אָב דעם רעוואָלוציאָנערען דראנג פון די מאַסען צו בענייען דאָס יודישע לעבען. צוליב ארץ־ישראל ווערט דער ציוניזם, וואָס האָט בעקומען דורך הערצל׳ן דעם מעכטיגען שטויס און האָט זיך פערמאָסטען צו פּערענט־פערן די יודישע פראַגע, צו אַ קליינער, נישטיגער רעאַקציאָנערער חובבי־ציון־בעוועגונג, וואָס קאָן ניט אויפוועקען קיין שום אינטערעס ביי די עלענדע יודישע מאַסען.

אויף דער פראַגע אָבער, ווי אַזוי דאַרף דער טעריטאָריאַליזם פערווירק־ליכט ווערען? דערויף איז שוין דער ענטפער ניט געגעבען געוואָרען אַזוי קלאָר און שאַרף. תחילת, פאַרן VII קאָנגרעס איז עס געווען גאָר לייכט — מען האָט נעדאַרפט דערפיהרען אַ קאַמף אין דעם ציוניסטישען לאַגער און גרייטען זיך צו בעהערשען דעם קאָנגרעס. זיעגט דער טעריטאָריאַליזם אויפן קאָנגרעס, ווערט דער אוגאנדא־פּראָיעקט אָנגענומען און עס הויבט זיך די גרויסע פּלאַנמעסיגע קאָלאָניזאַציע און עס ווערט געשאַפען אַ יודיש פריילאַנד. וועגען דעם, ווי אַזוי עס וועט צוגעהען דער רעאַליזירונג׳ס־פּראָצעס — וועגען דעם האָבען זיך די ס. ס. אַמוועניגסטען פערטראַכט. וועט אָבער אוגאנדא ניט טויגען אַלס לאַנד פאַר יודען, וועט מען מוזען אָנקניפּען, האָבען זיי ווייטער אויסגעפיהרט, בעציהונגען מיט פערשידענע לענדער, וועלכע פערמאָגען פרייע לענדער און וועלען געניגט זיין זיי אָבצוגעבען יודען. דערביי אָבער האָבען זיי געפיהלט, אַז עס שטימט עפּעס ניט אין דעם דאָזיגען פּרט מיט זייער אויסגעהאַלטענעם מאַרקסיסטישען דענקען, אַז אין דעם פּרט מאַכען זיי אַ שפּרונג צום קליינבירגערליכען דיפּלאָמאַטישען א. אַ. וו. ציוניזם און שוין נאָך דער מפּלה אויפן זיבענטען קאָנגרעס האָבען זיי אנגעהויבען זוכען אין דער אויסוואַנדערונג גופא די רעאַליזירונגס־מאָמענטען פונ׳ם ציוניזם, פון דער קאָלאָניזאַציע, וואָס וועט פיהרען צו דער ענטשטעהונג פון אַ יודישען געמיינ־וועזען. און עס האָט געהייסען, אַז אין אַ בעשטימטען פּישוף־מאָמענט הויבט אָן די יודישע איינוואַנדערונג אין אַ געוויסען לאַנד, וואָס קאָנצענטרירט זיך אין די שטעדט, איבערגעהען אין דאָרף, צו דער לאַנדווירטשאַפט, עס הויבט זיך אָן אַליין פון זיך דעם קאָלאָניזאַציע־פּראָצעס, און דאַן, דאַן איז שוין אַלעס אין אָרדנונג.

מען איז אָבער אַליין ניט געווען צופרידען מיט דעם דאָזיגען ענטפער, אין וועלכען דאָס, וואָס האָט געדאַרפט פאַרקומען סטיכיש, איז אייגענטליך געהען ניט מעהר ווי אַ שפּין־געוועב פון פערצווייפעלטע און פערבלאָנדזשעטע

מחות און נשמות, מען איז אויך געווען ניט צופרידען מיט דער פּערספּעקטיוו פון לאַנד־זוכעריי, פון בלאָנדזשען איבער דער מאַפּע פון דער ערד און דער־וויל הייסען וואַרטען די בעוועגונג, פּערנעהמענדיג זיך מיט קריטיק און קאַמף מיטן רעאַקציאָנערען ציוניזם פון איין זייט און מיט קליינבירגערליכען סאָציאַ־ליזם פונ׳ם „בונד״ פון דער אַנדערער זייט. דערפאַר טאַקי זענען די ס. ס. געווען אַזוי פּערביטערט אין זייער קאַמף, אַזוי אונפּרוכטבאַר אינ׳ם יודישען לעבען און האָבען געטראָגען אויף זיך דעם צייכען פון טויט פון געבוירען ווערען. זיי זענען געווען ניט מעהר ווי די שוים, וועלכע די רוסישע רעוואָ־לוציע פון 1905, די פּאָגראָמען, די מאַסען־אויסוואַנדערונג און דער קריזיס אינ׳ם ציוניזם נאָך הערצל׳ס טויט, האָבען אַרויסגערופען.

אַנדערש איז געווען ביי די פּועלי־ציון, וואָס זענען געבליבען טריי ביי דעם פּרינציפּ פון ארץ־ישראל. זייער טעאָרעטיקער בער באָראָכאָוו האָט קודם־כל אַריינגעפיהרט אַ וויכטיגען קאָרעקטיוו אינ׳ם געמיינזאַמען געדאַנקענגאַנג וועגען דעם עקאָנאָמישען מצב פון די יודען און וועגען די פּופּעריזירונג׳ס־פּראָצעסען, וואָס קומען פאָר אינ׳ם יודישען לעבען. ער האָט אָנגעוויזען אויף דעם אונטערשיעד צווישען דער פּרימערער און סעקונדערער פּראָדוקציע. אויב אין דער לעצטער בעטייליגען זיך יודישע אַרבייטער און עס דרינגען אויך אַריין נייע אַרבייטער־מאַסען, וואָס ברענגט אַ צייטווייליגע ערלייכטערונג, זענען זיי אַזוי גוט ווי אין גאַנצען ניט בעטייליגט אין דער ערשטער און האָבען גאָר קנאַפּע שאַנסען אין איהר אַריינצודרינגען. און דאָס ענטשיידעט וועגען דער מאַכט און דעם איינפלוס פונ׳ם יודישען פּראָלעטאַריאַט, וועגען זיין אָב־געשטאַנענקייט און פּאָליטישער ווי אויך נאַציאָנאַלער אָבהענגיגקייט און שוואַכקייט. ער מוז קודם־כל זאָרגען צו ווערען דער שעפּער פון די אורפּראָ־דוקטען, פון די רויה מאַטעריאַלען, פון די מאַשינען, אָהן וועלכע עס קאָן זיך ניט ענטוויקלען קיין שום אינדוסטריע־צווייג, ער מוז אַריינדרינגען אין דער לאַנדווירטשאַפט. דאָס קאָן געשעהען נור אין אַ אָבגעשטאַנען לאַנד, וואו די יודען ווערען די טרעגער פון דער ציוויליזאַציע און קולטור, וואו זיי ברענגען אַריין די העכערע פאָרמען פון אַרבייט און פּראָדוקציע. דערצו מוז אויך דאָס לאַנד זיין מעהר אָדער ווייניגער רייף און האָבען די נויטיגע ענט־וויקלונגס־מעגליכקייטען.

אונגעפעהר אַזוי האָבען די פּועלי־ציון בעגרינדעט זייער טרייקייט צו ארץ־ישראל, און זייער פּערבונדענקייט מיטן ציוניזם. באָרוכאָוו און זיינע פריינד האָבען זיך בעמיהט צו רעדען מיט דער טרוקענער סכעמאַטישער שפּראַך פונ׳ם דעמאָלדיגען מאַרקסיזם און איבערצייגען די דעקלאַסירטע יוגענד און די אַרבייטער, וואָס זענען געשטאַנען אונטערן אונגעהויערן דרוק פון דער רעוואָלוציע, אַז אויך זענען מאַרקסיסטען און נאָך מעהר ארטאדאקסאל, ווי די אַנדערע. דאָס געזונדע געפיהל פון היסטאָרישע פּערבונדענקייט מיט ארץ־

ישראל, אַלס מיטן לאַנד, מיט וועלכען ס׳זענען פערקניפּט געווען אַלע יודישע בעפרייאונגס־בעוועגונגען און שטרעבונגען, האָבען זיי געבראַכט צום אויסדרוק אין אַ פיעל שוואַכערער פאָרם, ווי די דאָזיגע אויסגעטראַכטע געקינצעלטע און פערפּלאָנטערטע אַרגומענטען. אינסטינקטיוו האָבען זיי אויך געפיהלט, אַז דער מאָמענט פונ׳ם ווילען און פון דער בעוואוסטזיניגער אַקציע און טעטיגקייט איז אין דעם פּרט ענטשיידענד, אָבער די מאָדע האָט געפאָדערט צו בעווייזען, אַז אַלץ אינ׳ם לעבען געהט צו סטיכיש, כּמעט מעכאַניש אָהן דער אריינמישונג פונ׳ם ציעלבעוואוסטען ווילען, וואָס ווערט אויך אַ פאַקטאָר אינ׳ם לעבען. און די פּועלי־ציון זענען נאָכגעגאַנגען אין זייער אַרגומענטאַציע נאָך דער מאָדע. דערפאַר איז זייער אַרגומענטירונג געווען אַזוי אונקלאָר און פערפּלאָנטערט און האָט אין זיך ניט געהאַט דעם דראַנג און שטורם, מיט וועלכען עס האָבען זיך אויסגעצייכענט די ס. ס. אין זייער טהוען זענען זיי אָבער געווען שטאַנדהאַפט און געבליבען טריי ארץ־ישראל און דעם ציוניזם און אָב־געראַטעוועט די יודישע דעקלאַסירטע יוגענד און קליינע גרופּען אַרבייטער פאַרן ציוניזם.

אויך די קרייזען פון די ניט סאָציאַליסטישע ציוניסטען איז צוגעגאַנגען אַ גוואַלדיגע געדאַנקען־אַרבייט. ד״ר יחיאל טשלענאָוו האָט אַרויסגעלאָזען אַ גרעסערע אַרבייט „ציון און אַפריקא״, אין וועלכער ער האָט מיט דער גע־וויסענהייט פון אַ נאַטור־פאָרשער, וועלכער האָט איהם כאַראַקטעריזירט, צו־נויפגעזאַמעלט דאָס גאַנצע מאַטעריאַל איבער דעם פּראָבלעם פון אוגאַנדא און טעריטאָריאַליזם און האָט בעוויזען, אַז דער אוגאַנדא־פּראָיעקט — אויב ער וועט זיין פּראַקטיש, ד. ה. אויב דאָס לאַנד וועט טויגען פאַר יודישער קאָלאָניזאַציע — איז אייגענטליך אַ פּרוב צו געבען די טעריטאָריאַליסטישע לעזונג דער יודישער פּראַגע, וואָס איז היסטאָריש און פּסיכאָלאָגיש און אויך פּראַקטיש ניט האַלטבאַר.

אין דער זעלבער צייט האָט אוסישקין געפּרובט ניט נור צו צעשטע־רען דעם בנין פון אוגאַנדא און טעריטאָריאַליזם, נאָר אויך געבען אַ פּראָ־גראַם פון דער ווייטערער טעטיגקייט. אין דעם דאָזיגען פּראָגראַם האָט ער אָנגעוויזען אויף דער נויטווענדיגקייט און מעגליכקייט פון קאָלאָניזאַציע־אַרבייט אין ארץ־ישראל ניט וואַרטענדיג אויפן טשאַרטער, אויף דער נויטווענדיגקייט צו פיהרען אַ גרויסציגיגע קולטור און אָרגאַניזיר־אַרבייט אין דעם יודישען פאָלק אַזוי אין גלות, ווי אויך אין ארץ־ישראל. פיעל מאָמענטען פון דער ציוניסטישער אַרבייט, ווי זי איז ווייטער געפיהרט געוואָרען, זענען אין דער דאָזיגער בראָשור צום ערשטען מאָל פאָרמולירט געוואָרען.

אין פערשידענע אַרטיקלען אין דער יודישער פּרעסע, אין אונצעהליגע פערזאַמלונגען איז אויך געקומען צום אויסדרוק מצד דעם טייל פון דער יוגענד, וואָס האָט תּחילת מיטגעמאַכט די פּרובען צו אָרגאַניזירען אַ ציוניס־

טישע אַרבייטערשאַפט און האָט ניט געוואָלט ווייטער מיטמאַכען ניט דעם טעריטאָריאַליזם און ניט דעם סאָציאַליזם. דער געדאַנק, אַז מיט אוגאנדא און לאַנד-זוכעריי קאָן מען ניט האַלטען און ענטוויקלען קיין בעוועגונג, וואָס מוז האָבען אַ בעשטימט ציעל, בעזונדערס אויב זי איז און מוז זיין אַנ׳אויסוואַנדערונגס- און קאָלאָניזאַציע-בעוועגונג, אַ ציעל, אַ לאַנד, מיט וועלכען זי איז אינערליך און היסטאָריש פערבונדען. דאָס יודישע פאָלק, האָבען זיי אַרגומענטירט, שטרעבט ניט צו אַ לאַנד, נאָר צו דעם פערלוירענעם פאטערלאַנד, וואָס איז געווען אַ טייל פון זיין היסטאָרישען, איז געוואָרען דאָס אייביגע אָרט פון זיין בעפרייאונג און אויפלעבען. דער ציוניזם איז דער ריקקעהר צו דעם פערלוירענעם פאטערלאַנד, די שטרעבונג עס אויפצוריכטען און דורכדעם און דערמיט צו בעפרייען, אויפצולעבען דאָס פאָלק.

מען מוז נאָך מיט אַ פּאָר ווערטער דערמאָנען דעם בירגערליכען טעריטאָריאַליזם. ער איז געווען אָרים און בלוטלאָז. רעפּרעזענטירט איז ער געווען דורך זאַנגוויל׳ן, דער קיעווער גרופּע מיט פראָפ. מאַנדעלשטאַם בראש און דער וואַרשאווער מיט יאשינאָווסקי יאַצקאַן און פינקעלשטיין די רעדאַקטאָרען און אַרויסגעבער פון „היינט“, און אַ זעהר בעגאַבטען פריה-פערשטאָרבענעם פאָלקסרעדנער און פאָלקסטריבון חזן. ביי זיי האָבען זיך צונויפגעמישט מאָמענטען פונ׳ם אַלטען דיפּלאָמאַטישען ציוניזם, ווי הערצל האָט איהם פאָרמולירט אין די ערשטע יאָהרען, מיט דער אָבנייגונג צו פאָלקס-בעוועגונגען, פון וועלכער הערצל האָט זיך אָבגעזאָגט, ווי נור ער האָט געשאַפען דעם קאָנגרעס, מיטן נאַאיווען גלויבען פון פאָלקס-מענשען, אַז מען דאַרף נור האָבען אַ לאַנד פאַר קאָלאָניזאַציע, כדי מיט איין שפּרונג אַריבערפיהרען די עלענדע מאַסען צו אַ נייעם לעבען פון אַרבייט און גליק.

דאָס זענען געווען די פּאַרטייען, וואָס האָבען געפיהרט דעם וואַהלקאַמף צו דעם VII קאָנגרעס. ער איז געווען בעזונדערס שאַרף אין רוסלאַנד און אין פוילען. געזיעגט האָבען די ציוני-ציון. די אויפקלערונגס- און אָרגאַניזיר-אַרבייט פון אוסישקין און זיינע חברים האָבען געבראַכט די געווינשטע רעזולטאַטען. די טעריטאָריאַליסטען, שוין צוזאַמען מיט די ס. ס., וואָס האָבען אַזוי שטאַרק געליאַרמט און פערהילכט די יודישע גאַס מיט זייער געטומעל אַזוי, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבען בעהערשט די גאַנצע ציוניסטישע מחנה, האָבען זיך אַרויסגעוויזען ניט מעהר ווי אַ שוים אויף די ריינע לויטערע וואַסערען. די בעוועגונג האָט אויסגעהאַלטען דעם שווערען נסיון. ארץ-ישראל און ציוניזם האָבען געזיעגט.

געוויס האָט געווירקט דארויף דער שלעכטער בעריכט פון דער אויספאָרשונג-עקספּעדיציע, וואָס איז געגאַנגען קיין אוגאנדא, און אַרויסגעזאָגט איהר מיינונג, אַז אוגאנדא טויג ניט פאַר יודישער קאָלאָניזאַציע. נור וועניגע האָבען געפּרובט צו בעהויפּטען, אַז ניט געקוקט דארויף מוז מען פּרובען קאָ-

לאָניזירען דאָס לאַנד. אָבער די אַלע, וואָס האָבען געמיינט, אַז אוגאַנדאַ וועט געבען אַ מעגליכקייט תיכף ומיד אַריבערפיהרען די הונדערטער טויזענ־דער פערוואָגעלטע יודען, וואָס זוכען אַ צופלוכטסאָרט, די אַלע האָבען זיך אָבגעווענדעט פון אוגאַנדאַ. אויב ס׳איז אַ שלעכט לאַנד, טאָ מיט וואָס איז עס בעסער פאַר ארץ־ישראל. און זוכען אַנדערע לענדער האָבען זיי אויך ניט געוואָלט. דאָס האָבען זיי פשוט אָבגעוואָרפען.

דער גורל פון טעריטאָריאַליזם איז דערמיט געוואָרען אָבגעשטעמפעלט. אָבער ברייטע קרייזען בעזונדערס פון די מערב־אייראָפּעאישע ציוניסטען האָבען געזוכט אַ קאָמפּראָמיס, געוואָלט פערהיטען פאַר אַ שפּאַלטונג. זיי האָבען זעהר פּאַראיבעל גענומען אוסישקין׳ען און די ציוני־ציון, וואָס זיי האָבען פער־שאַרפט און צוגעשפּיצט די פראַגע. זיי האָבען אויך מורא געהאַט, אַז עס זאָל ניט ליקווידירט ווערען די פּאָליטישע ירושה פון הערצל׳ן און עס זאָל אונטערן מאַנטעל פון פּראַקטישען ציוניזם ניט קומען די רעצידיווע פון חובבי ציונים מיט זיינע ענגע האָריזאָנטען און קליינע מעשים און נאָך קלענערע השגות. זיי זענען גרייט געווען אָבצוזאָגען זיך אין גאַנצען פון אוגאַנדאַ־פּראָיעקט, אָבער ניט געוואָלט אַרויסשטויסען זאַנגוויל׳ן און זיינע חברים.

די ציוני־ציון האָבען אָבער איין מאָל פאַר אַלע מאָל געוואָלט בעזייטי־גען יעדע מעגליכקייט פון טעריטאָריאַליסטישע אָבנייגונגען. זיי האָבען ניט געוואָלט, אַז ביי יעדען שווערערען קריזיס, ביי יעדען גרעסערען דורכפאַל זאָל ווידער אויפשוואומען דער געדאַנק, טאָמער זאָל מען זיך אָבווענדען פון ארץ־ישראל און זוכען אַנ׳אַנדער לאַנד. זיי האָבען פערשטאַנען, אַז דאָס וואָלט אונגעהויער אָבגעשוואַכט די בעוועגונג, געמאַכט זי וואַקעלדיג אין די וויכטיג־סטע און שווערסטע מאָמענטען, ווען עס פאָדערט זיך דוקא אַנ׳עקשנותדיגע שטאַנדהאַפטיגקייט. אויף דער פאָרקאָנפערענץ אין פרייבורג האָבען זיי פאָר־מולירט זייערע פאָדערונגען אין דער קלאָרסטער און שאַרפסטער פאָרם געגען דעם ווילען פון טשלענאָוו׳ן און זיינע חברים, וואָס האָבען געגלויבט, אַז מיט מילדקייט קאָן מען נאָך פערהיטען פאַר אַ שפּאַלטונג.

דער VII קאָנגרעס איז טאַקי געווען אַ קאַמף־קאָנגרעס. ער איז פאָר־מעל געטיילט געוואָרען אויף אַ געוועהנליכען און אויסערגעוועהנליכען. דאָס אוגאַנדאַ־פּראָבלעם איז אויף דעם דאָזיגען אויסעראָרדענטליכען קאָנגרעס גע־לעזט געוואָרען. די דעבאַטע איז געווען אַ זעהר היציגע. זאַנגוויל, ד״ר סיר־קין, חזן, בריסקמאַן (ד״ר פינס) פון איין זייט, טשלענאָוו, אבערסאָהן, באָרו־כאָוו פון דער אַנדערער. זיי האָבען איבערגעחזרט אַלע אַרגומענטען, וועלכע זענען געקומען צום אויסדרוק אין דער ליטעראַטור און פּרעסע ווי אויך אין די פערזאַמלונגען. די רעדנער האָבען נור שאַרפער פאָרמולירט זייערע פער־לאַנגען און אויספיהרונגען. פאַר דער אָבשטימונג איז געקומען אַפילו צו אַ אָבסטרוקציע: די טעריטאָריאַליסטען האָבען בעשולדיגט די ציוני־ציון, אַז זיי

האָבען געפעלשט די וואַהלען. מען האָט געמוזט איבעררייסען די זיצונג און ערשט אויפצומאָרגענס זענען אָנגענומען געוואָרען די פאָלגענדע בעשלוסען:

דער VII ציוניסטען־קאָנגרעס ערקלעהרט: די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האַלט אונערשיטערליכט פעסט ביים גרונדפרינציפּ פון דעם באַזעלער פּראָגראַם, לויט וועלכען זי שטרעבט „צו שאַפען אַנ׳עפענטליך־רעכטליך געזיכערטע היים פאַרן יודישען פאָלק אין ארץ־ישראל" און וואַרפט אָב — אַזוי אַלס מיטעל ווי אויך אַלס צוועק — יעדע קאָלאָניזאַטאָרישע טעטיגקייט מחוץ פון ארץ־ישראל און זיינע נאָהענטסטע שכנ׳ישע לענדער"

דערמיט איז אויסגעשלאָסען געוואָרען יעדע מעגליכקייט פאַר די טעריטאָריאַליסטען צו פאָדערן מען זאָל זיך רעכנען מיט זייערע וואונשען. זיי האָבען טאַקי געמאַכט דעם לאָגישען אויספיהר פון דער דאָזיגער רעזאָלוציע און האָבען פערלאָזען דעם קאָנגרעס. מיט זאַנגוויל בראש האָבען זיי באַלד אויפן אָרט געגרינדעט די יודישע טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געדאַרפט קאָנקורירען מיט דער ציוניסטישער, פערפיהרט אַ קאַמף אַרום דער קאָלאָניאַל־באַנק, געזוכט לענדער, געליאַרמט אַ פּאָר יאָהר און פערשוואונדען, ניט איבערלאָזענדיג קיין שפּור אינם יודישען לעבען. ערשט נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז ווידער דערוועקט געוואָרען דער טעריטאָריאַליסטישער געדאַנק דורך אַלטע ס. ס. טהוער, וואָס זענען געוואָרען קאָמוניסטען און געבילדעט די יעווסעקציע, און עס זענען געמאַכט געוואָרען פּרובען צו פערווירקליכען דעם טעריטאָריאַליזם אין די גרעניצען פון סאָוויעטען־רוסלאַנד. עס וועט נאָך אויסקומען צו רעדען וועגען די דאָזיגע פּרובען.

ווי נור דער VII קאָנגרעס האָט זיך בעפרייט פונ׳ם קאַמף מיט די אוגאַנדיסטען, אָבוואַרפענדיג מיט דאַנק פאַר דער בריטישער רעגירונג דעם אוגאַנדא־פּראָיעקט, און מיט די טעריטאָריאַליסטען, האָט זיך אָנגעהויבען אַ קאַמף צווישען די אַזוי גערופענע פּאָליטישע און פּראַקטישע ציוניסטען. די ערשטע האָבען ניט געוואָלט ענדערען דעם פריהערדיגען קורס און ניט פיהרען קיין שום קאָלאָניזאַציע־אַרבייט אין ארץ־ישראל אַזוי לאַנג, ווי עס וועלען ניט געזיכערט ווערען "די מינימאַלע פּריווילעגיעס, וואָס זענען נויטיג פאַר דער ענטוויקלונג פון דער יודישער גרויס־קאָלאָניזאַציע". דער דאָזיגער בעגריף פון גרויס־קאָלאָניזאַציע איז אַנטקעגענגעשטעלט געוואָרען דעם בעגריף פון קליין־קאָלאָניזאַציע, וועלכע די חובבי־ציון האָבען געפיהרט און אוסישקין מיט זיינע אָנהענגער האָבען געפאָדערט, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זאָל אויפנעהמען די פּאָליטישע ציוניסטען מיט ד״ר באָדענהיימער און ד״ר אַלעקסאַנדער מארמארעק האָבען שטאַרק געוואָרענט פאַר דער רעצידיווע פון חובבי־ציוניזם. פּראָפ. אָטאָ וואַרבורג, פּאָרזיצער פון פּאַלעסטינא־קאָמיסיע, וואָס איז געשאַפען געוואָרען אויפן II קאָנגרעס, האָט אָנגעוויזען, אַז מען מוז מיט

אַרבייט זיך שאַפֿען אַ פֿאַקטישען איינפֿלוס אין ארץ־ישראל, ווערען אינ׳ם לאַנד אַ כּוח און דאָס ווערט טאַקי דינען אַלס בעווייז פֿאַר דער וועלט, אַז די ציוניסטישע בעוועגונג איז אומשטאַנד ניט נור צו פֿאָדערען מיט ווערטער, נאָר אויך צו שאַפֿען מעשים און לעבעדיגע פֿאַקטען. די דאָזיגע דעבאַטע, מיט וועלכער עס האָט זיך אָנגעהויבען דער קאַמף צווישען דעם סיסטעם פֿון אָבוואַרטען מיט קאָלאָניזאַציע־אַרבייט ביז עס וועלען דערגרייכט ווערען גע־ניגענדע רעכט און צווישען דעם סיסטעם פֿון אַרבייט אין ארץ־ישראל ביי אַלע אומשטענדען, האָט זיך פֿערענדיגט מיט פֿאָלגענדע בעשלוסען:

דער VII ציוניסטען־קאָנגרעס בעשליסט, אַז פּאַראַלעל מיט דער פּאָ־ליטיש־דיפּלאָמאַטישער טעטיגקייט, מוז געפֿיהרט ווערען אַלס רעאַלע אונטער־לאַגע און אַלס פֿערשטאַרקונג פֿון דער פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישער טעטיגקייט, בהסכּם מיטן פּונקט 1 פֿונ׳ם באַזעלער פּראָגראַם — אַ סיסטעמאַטישע אויפֿ־בוי און ענטוויקלונג פֿון אונזערע פּאָזיציעס אין ארץ־ישראל. די מיטלען דער־צו זענען פֿאָלגענדע:

1. אַלזייטיגע אויספֿאָרשונג;

2. אונטערשטיצונג פֿון אַגריקולטור, אינדוסטריע א. אַ. וו. אין מעגליך דעמאָקראַטישען גייסט;

3. קולטורעלע און עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע און אויפֿהויבען פֿון דער ארץ־ישראל יודענהייט מיט דער הילף פֿון אַריינגעצויגענע נייע אינטעלעקטו־עלע כּחות.

4. שטרעבען צו דערגרייכען די רעפֿאָרם בנוגע אַדמיניסטראַציע און רעכט, וואָס איז נויטיג כּדי צו הויבען דעם מצב פֿון ארץ־ישראל.

דער VII קאָנגרעס וואַרפֿט אָב יעדע פּלאַנלאָזע, אונסיסטעמאַטישע פֿי־לאַנטראָפּישע קליין־קאָלאָניזאַציע וואָס שטעהט מחוץ פֿון די גרעניצען פֿון פּונקט 1 פֿונ׳ם באַזעלער פּראָגראַם.

די דאָזיגע בעשלוסען האָבען געעפֿענט פֿון איין זייט אַ מעגליכקייט פֿאַר אַ קאָלאָניזאַציע־אַרבייט פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פֿון דער אַנדע־רער זייט אָבער האָבען זיי אַרויסגערופֿען אַ קאַמף צווישען טעאָריעס און סיסטעמען, וואָס האָבען ניט געקאָנט פֿערווירקליכט ווערען, און זענען געווען בעיקר ווערטער און וואונשען.

די דאָזיגע וואונשען האָבען געדינט אַלס פּלאַטפֿאָרם פֿאַר דער נייער לייטונג. זי האָט געדאַרפֿט זיין אַ קאָאַליציע פֿון די פּראַקטישע און די פּאָ־ליטישע מיט מאַקס נאָרדוי בראש. ער אָבער האָט זיך ענטשיעדען אָבגעזאָגט צוליעב פֿערזענליכע מאָטיווען (זיין פֿרוי איז געווען אַ קריסטין) עס איז גע־וועהלט געוואָרען דוד וואָלפֿסאָן אַלס פּרעזידענט און די העררען לעאָפּאָלד גריני־בערג, אַלעקסאַנדער מארמארען יעקובוס כּהן, מנחם אוסישקין, ד״ר יעקב כּהן־בערנשטיין, פּראָפֿ. אָטאָ וואַרבורג אַלס מיטגליעדער פֿון דער נייער לייטונג.

עס איז אויך בעשלאָסען געוואָרען, אויף אַ שפּעטערער אַלגעמיינער זיצונג

פון דער באַנק צו ענדערען איהר סטאַטוט אין דעם זין, אַז זי זאָל ניט קאָ־
נען אַרבייטען אומעטום. געגען דעם איז אַרויסגעטרעטען אין פראָצעס
זאַנגוויל. הגם דער פראָצעס, וואָס האָט לאַנג געדויערט האָבען זיך געענדיגט
מיט אַ דורכפאַל פונ׳ם באַשלוס, דאָך איז די באַנק מעהר ניט געקומען אין
בעטראַכט ביי פלענער פון קאָלאָניזאַציע־אַרבייט אויסערהאַלב ארץ־ישראל.

דער VII קאָנגרעס האָט פערענדיגט די תקופה פון הערצל׳ן מיט זיין
שיטה פון אָבוואַרטען אויפן טשארטער, מיטן שווערפונקט אויף פּאָליטיש־
דיפּלאָמאַטישער אַרבייט, מיט דער מעגליכקייט אָבצווהענדען זיך פון ארץ־
ישראל. די בעוועגונג האָט זיך שטאַרקער בעוואוסטזיניגער פערבונדען מיט
ארץ־ישראל און זי איז אַריבער פון ווערטער און פלענער צו מעשים. דער
דאָזיגער איבערגאַנג, וואָס איז פערבונדען געווען מיט אַ שפּאַלטונג אין דער
מחנה, איז צוגעגאַנגען זעהר שווער. דער נצחון פון די ציוני־ציון האָט גע־
קאָסט זעהר טייער. אין די ערשטע צייטען נאָכן VII קאָנגרעס איז די בע־
וועגונג בעהערשט געוואָרען דורך אַ מין קאַצעניאָמער. עס זענען געקומען
צייטען פון קליין־אַרבייט, אָהן אַ שוואונג אָהן אַנ׳אויטאָריטעט. עס האָט זיך
געדוכט, אַז די שכינה האָט זיך פונ׳ם ציוניזם אָבגעווענדעט.